NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05085

www.libtool.com.cn

# KHARI UN KARI

Dhan Gopal Mukerji

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Marsha Gross*
*in memory of*
*Norman (Nocky) Gross*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG
www.libtool.com.cn

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

MONTREAL
מאנטרעאל
פֿאָלקס ביבליאָטעק
www.libtool.com.cn
17779

דכאַן מוקערדזשי

# כארי און קארי

„קינדערפֿריינד", וואַרשע 1937

www.libtool.com.cn

Printed in Poland

D. MUKERŻY

CHARY UN KARY

„Kinder-Frajnd" Warszawa 1937

זעצעריי ה. גלאנץ, מוראנאווסקע 28 וו. 25

Druk. „Renoma", Warszawa

MONTREAL
מאנטרעאל
www.libtop.com.cn

12.062
ק' ל'

## 1. דער קליינער פרײַנד

צוועלף קילאָמעטער פון אונדז איז געווען אַ גרויסער טאַר־טאַק. דער טאַטע איז געגאַנגען אַהין און געקומען צוריק אָן או־מעטיקער.

— זיי נעמען צו צו דער אַרבעט בלויז אַרבעטער, וואָס האָבן אייגענע העלפאַנטן. מענטשן דאַרפן זיי נישט, דאָרט פירן אויס די אַרבעטן העלפאַנטן און מאַשינען — האָט ער געזאָגט.

דער טאַטע איז נאָך לאַנג געזעסן און געטראַכט, דערנאָך האָט ער צונויפגערופן זײַנע ברידער און פרײַנד אויף אַ באַראַ־טונג. כ׳געדענק ווי איצט, אַז ער האָט געזאָגט אַזוי:

— איך האָב נישט קיין געלט צו קויפן אַ העלפאַנט, וואָס זאָל טויגן צו דער אַרבעט. מיר איז שוין באַשערט אויסצולעבן מײַנע יאָרן אין אָרעמקייט. אָבער זאָל כאַטש כאַרי, מײַן זון, נישט וויסן פון קיין נויט. העלפט מיר אײַנצוקויפן אַ העלפאַנטל. ער וועט אויסוואַקסן און כאַרי וועט האָבן ברויט און רײַז.

די פרײַנד האָבן אונדז געהאָלפן, און דער טאַטע האָט גע־קויפט בײַ די יעגערס אַ יונגן העלפאַנט.

— זאָרג וועגן אים און גיב אים צו עסן — האָט צו מיר געזאָגט דער טאַטע — און ווען ער וועט אונטערוואַקסן, וועט ער דיך דערנערן און דײַנע קינדער.

דעם העלפאַנטל האָבן מיר אַ נאָמען געגעבן קאַרי. ער איז אַלט געווען פינף כאַדאָשים, ווען מען האָט אים איבערגעגעבן אויף מײַן אויפזיכט. איך בין געווען נײַן יאָר אַלט. איך האָב גע־מוזט זיך שטעלן אויף די שפּיץ פינגער, קעדיי צו דערגרייכן



43239-

www.libtool.com.cn

צו זײַן רוקן. צוויי יאָר איז קאַרי געבליבן בײַם זעלבן ווּקס. עפּשער האָט זיך מיר בלויז אַזוי אויסגעדאַכט, מאַכמעס איך בין געוואַקסן מיט אים צוזאַמען. זיכער אַזוי. דערפאַר מאַקע האָב איך נישט באַמערקט, ווי דער העלפאַנט ווערט אַלץ גרעסער. קאַרי האָט געווינט אין שײַער אונטער אַ שטרוי־ענעם דאַך. דעם דאַך האָט דער טאַטע אויסגעבעט איבער די שטאַמען פון דרײַ גראָבע ביימער; געווײנלעכע שטאַמען טויגן נישט: קאַרי האָט געקענט זיי פּאַשעט אײַנוואַרפן, און דעמאָלט וואָלט אויך אײַנגעפאַלן דער דאַך.

קאַרי איז נישט געווען קיין פרעסער, דאָך האָב איך אים יעדן טאָג געמוזט געבן ביז צוואַנציק קילאָגראַם פרישע צווײַגן צום עסן און צום שפּילן. יעדן פרימאָרגן האָב איך אים געפירט צום טײַך זיך באָדן. ער האָט זיך געלייגט אויפן זאַמדיקן ברעג, און איך האָב אים לאַנג געריבן די פעל מיט ריינעם טײַכזאַמד. נאָך דעם איז ער שאָען לאַנג געלעגן אין וואַסער. ווען ער איז אַרויס פון וואַסער, האָט זײַן פעל געגלאַנצט ווי שוואַרץ האָלץ. איך האָב אָפּגעגאָסן זײַן רוקן מיט וואַסער און ער האָט געהיר־שעט פון האַנאָע. נאָכן באָדן האָב איך אים אָגגענומען פאַר אַן אויער, וואָרעם אַזוי איז לײַכטער צו פירן אַ העלפאַנט נאָך זיך. איך בין אַוועק מיט אים צום ראַנד פון דזשונגל, קעדיי אָפּ־צושנײַדן פאַר אים געשמאַקע און זיסע צווײַגן. דערצו מוז מען האָבן אַ שאַרפע האַק. מען מוז אים שאַרפן אָן אויפהער. טאָמער איז דאָס צווײַגל אָפּגעריסן, אָדער איבערגעבראָכן, ווײַל דער העלפאַנט עס נישט פאַרזוכן.

יאָ, ס'איז נישט געווען קיין לײַכטע אַרבעט דאָס אָפּהאַקן יונגע צווײַגלעך פאַר קאַרין. מיר איז אויסגעקומען אַרומצוקריכן צענדליקער ביימלעך, קעדיי אָנצוקלויבן די סאַמע איידעלע און זאַפטיקע צווײַגן. דער איקער האָט ער ליב געהאַט העלגרינע באַ־נאַנען־בלעטער.

ער איז שוין איין מאָל געווען אַ נאַשער, מײַן קאַרי!

www.libtool.com.cn

א מאָל איז געשען מיט אים אַזאַ מײַסע. עמעצער האָט אים געגעבן צו עסן באַנאַנען. האָט ער גיך זיי ליב געקריגן. בײַ אונדז אין דער היים איז שטענדיק געשטאַנען אויפן טיש לעבן פענצטער אַ שיסל מיט פּרוכטן. מיר האָבן זיך געזעצט צום מיטאָג און דאָ האָט מען דערזען, אַז די באַנאַנען זענען פאַרשווּונדן פון טיש.

— אַך, דו נאַשער! — האָב איך געכאַפּט אַ פּסאַק פון טאַטן.

איך האָב צו מאָל נישט געטראַכט צו רירן די באַנאַנען. בין איך געווען זייער בייז אויפן טאַטן און נאָך מער אויף מײַן עלטערן ברודער: כ׳בין געווען זיכער, אַז די באַנאַנען האָט ער אויפגעגעסן.

צו מאָרגנס זענען די באַנאַנען ווידער פאַרשווּונדן געוואָרן און איך האָב ווידער געכאַפּט אַ פּסאַק פון טאַטן.

— דו מיִעסער ליגנער! — האָט ער אויף מיר געשריגן — דו זעסט אָט דעם באַנאַן? כ׳האָב אים געפונען אין שײַער בײַ קאַרין. אַהין קומסטו נאָר אַרײַן. לייקן נישט, ווײַל ס׳וועט זײַן נאָך ערגער.

„אויב אַזוי, וועל איך אויף אַן עמעס אויפעסן די באַנאַנען", האָב איך באַשלאָסן, און אויפן אַנדערן טאָג, ווען אַלע זענען אַוועק- בין איך צוגעגאַנגען צום טיש. דאָ האָט מיר אָבער פאַרפעלט מוט און כ׳האָב זיך פאַרטראַכט — צי זאָל איך נעמען די באַנאַנען, אָדער נישט נעמען. אין דער רגע האָט עפּעס אַ שוואַרצס און לאַנגס, ענלעך צו אַ שלאַנג, זיך אַרײַנגעגליטשט דורכן פענצטער און באַלד פאַרשווּונדן צוזאַמען מיט אַלע באַנאַנען. איך בין נאָך געווען אַ נאַר און האָב געמיינט, אַז דאָס איז זיכער עפּעס אַ מאָדנע שלאַנג. מיסטאָמע וועט זי באַלד צוריקקומען, אויפעסן די איבעריקע פּיירעס און דערהאַרגענען אַלע אין שטוב. איך האָב זיך אַרויסגעגאַנוועט און אַרויס פון שטוב און דאָ האָב איך זיך נאָך מער דערשראָקן. מײַן בליק איז געפאַלן אויף קאַרים שײַער' און איך האָב זיך געוואָרפן צו אים נאָך שוץ. ווי אַ וויכער האָב

www.libtool.com.cn

איך זיך אַרײַנגעריסן אין שײַער און דערזען, ווי דער העלפאַנט שטייט און רוימט אָפּ די באַנאַנען. איך בין דערשטוינט געוואָרן. די געלע פּיירעס זענען געווען צעשאָטן איבערן גאַנצן דיל. קאַרי האָט אויסגעשטרעקט די נאָז, קעדיי אָנצוכאַפּן אַ באַנאַן, וואָס האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ ביסל ווײַטער. די נאָז האָט זיך אויסגעצויגן ווי אַ שוואַרצע שלאַנג און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער גאַנעוו דאָס איז געווען דער העלפאַנט. כ׳האָב אים אָנגעכאַפּט פאַרן אויער און אַרויסגעפירט אויפן הויף און דערנאָך געוויזן די עלטערן, אַז די פּיירעס זענען פאַרפאַלן געוואָרן נישט צוליב מײַן שולד, נאָר צוליב קאַרין.

דערנאָך האָב איך אים גוט אויסגעזידלט, וואָרעם די העלפאַנטן פאַרשטייען זייער גוט, ווען מען בייזערט זיך אויף זיי. איך האָב אים געזאָגט: „אויב כ׳וועל דיך נאָך איין מאָל פאַקן בײַ אַזאַ אַרבעט, וועסטו פון מיר כאַפּן אַזאַ פּסאַק, ווי איך פון מײַן טאַטן“. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר זענען פון אים נישט צופרידן און מער האָט ער שוין נישט גע־גאַנוועט. פון דעמאָלט אָן, אויב עמעצער האָט אים מעכאַבעד געווען מיט אַ באַנאַן, האָט ער שטענדיק שטיל געהירזשעט פון האַנאָע.

אַ העלפאַנט פאַרשטייט, ווען מען באַשטראָפט אים פאַר אַ זינד, אָבער אויב מען באַשטראָפט אים אָן אַ סיבע, צאָלט ער אומבאַדינגט אָפּ.

איין מאָל בין איך געגאַנגען מיט אים זיך באָדן. געווען איז דאָס אין זומער, אין שול האָט מען שוין נישט געלערנט און אַ סאַך ייִנגלעך זענען געגאַנגען צוזאַמען מיט אונדז. קאַרי איז געלעגן אויפן ברעג, און מיר האָבן אַלע אים אײַנגעריבן מיט זאַמד. דערנאָך איז ער אַרײַן אין וואַסער און מיר האָבן זיך גענומען שפּילן. ווען קאַרי איז אַרויסגעקראָכן פון וואַסער, האָט אַ ייִנגל, סודו האָט ער געהייסן, אָן שום סיבע דערלאַנגט קאַרין דרײַ אָדער פיר שמיץ מיט אַ בײַטש איבערן רוקן. קאַרי האָט זיך צעוואָיעט און איז אַוועקגעלאָפן. איך האָב אים אָפּגעפירט אַהיים.

www.libtool.com.cn

דעם צווייטן זומער איז קאַרי שוין געווען אַזוי גרויס און גראָב, אַז איך האָב בעשום אויפן נישט געקענט דערגרייכן צו זײַן רוקן. מיר האָבן אים מיטגענומען מיט זיך אומעטום, ווו מיר פלעגן גיין, אָדער מיר זענען געזעסן אויף זײַן רוקן, אָדער געשלאָפן אין איין רײַ מיט אים. אויב ער האָט זיך גוט אויפגעפירט, האָבן מיר פאַר אים אָפּגעשניטן הויפנס געשמאַקע צווײַגלעך, און אַ מאָל געגעבן אויך פּרוכטן. ווען מיר האָבן אים געוואָלט דערוויזן, אַז מיר זענען מיט אים גאָר צופרידן, האָבן מיר אים געריבן די ברוסט מיט שטרוי; ער האָט געכראָפּעט פון פרייד, ליגנדיק אויפן רוקן און אומגעלומפּערט געוואָרפן מיט די גראָבע קלעצלדיקע פיס אין דער לופט. איין מאָל איז סודו געשטאַנען בײַם ברעג פון טײַך לעבן דעם אָרט, וווהין איך האָב צוגעפירט קאַרין צום באָדן. דעם טאָג האָט קאַרי זיך אויפגעפירט זייער בראַוו, און מיר האָבן באַשלאָסן אים מעכאַבעד צו זײַן מיט אַ שטרויענער אײַנרײַבונג. אָבער ס'איז געווען זייער הייס, און מיר זענען אַרײַנגעשפּרונגען אין וואַסער, נאָך איידער מיר האָבן זיך גענומען באָדן דעם העלפאַנט. סודו און קאַרי זענען געבליבן אַליין אויפן ברעג. פּלוצלונג האָט קאַרי, ווי אַ מעשוגענער, זיך געוואָרפן אויף סודון, געכאַפּט אים מיט דער לאַנגער נאָז און אונטערגעטונקט אין וואַסער. ער האָט אים געהאַלטן אין וואַסער לאַנג־לאַנג, און ווען סודו איז ענדלעך אַרויס אויף דער יאַבאָשע, איז ער געווען אַ פאַרכאַלעשטער.

סודו האָט מיך שפּעטער געפרעגט, צי איך וועל אָנלערנען דעם העלפאַנט פאַר אַזאַ מײַסע. איך האָב געענטפערט, אַז קאַרי איז לאַכלוטן נישט שולדיק.

— פאַר וואָס? — האָט זיך סודו געוווּנדערט.

דעמאָלט האָב איך אים דערמאָנט, ווי מיט אַ יאָר צוריק, האָט ער, סודו, אויפן זעלבן אָרט אָן שום סיבע באַליידיקט דעם העלפאַנט.

אויפן אַנדערן טאָג האָבן מיר געמאַכט שאָלעם צווישן זיי.

www.libtool.com.cn



קאַרי האָט מיט דער נאָז אָנגעכאַפּט סודון...

סודו האָט זיך אַרויפגעזעצט אויף קאַריס רוקן, און מיר זענען אַוועק אויף אַ שפּאַציר.

אַ העלפאַנט מוז וויסן, ווען ער דאַרף זיך זעצן, ווען אויפ־צושטיין, ווען גיין פּאַמעלעך און ווען — גיך. מען לערנט דאָס אים אַזוי, ווי מען לערנט קינדער. זאָגסט אים „דכאַט" און גיסט אים אַ ציי פאַרן אויער — זעצט ער זיך. זאָגסט אים „מאַליי" און טוסט אַ שטויס די נאָז זײַנע פאָרויס — פאַרשטייט ער, אַז ער דאַרף גיין. „מאַליי" — האָט קאַרי נאָך דרײַ לעקציעס פאַרשטאַנען, אָבער עס האָט געדויערט גאַנצע דרײַ וואָכן, איידער ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דאָס וואָרט „דכאַט". אים האָט זיך נישט געגלוסט צו זעצן, און אַ העלפאַנט וואָס קען זיך נישט זעצן, איז קיין העלפאַנט נישט. שוין צו צוויי־דרײַ יאָר וואַקסט ער אויס אַזוי גרויס, אַז צו זײַן רוקן קען מען זיך דער־

www.libtool.com.cn

קלײַבן סײַדן מיט אַ לייטער. איידער צו שלעפן מיט זיך אומעטום אַ לייטער, איז שוין גלײַכער אים אויסצולערנען צו זעצן זיך בײַם וואָרט „דכאַט“ - און ס׳איז שוין נישט שווער אַרויפצוכאַפּן זיך צו אים אויפן רוקן.

צום שווערסטן איז צוצוגעווינען אַ העלפאַנט צום „האַרס רוף“. אויף דעם גייט געוויינלעך אַוועק פינף יאָר. „דעם האַרס רוף“ — דאָס איז אַ ספּעציעלער רוף, עפּעס צווישן אַ פײַף און אַ שיפּען. אַזאַ פײַף גיט אַרויס אַ שלאַנג בײַם טרעפן זיך מיט אַ סוינע. צו וואָס טויג אַזאַ „האַרס רוף“? אויב איר האָט פאַרבלאָנדזשעט אין די דזשונגלעס און קענט נישט געפינען דעם וועג און אַרום און אַרום, כוץ די שטערן אין דער הייך, איז איין כאַשכעס און אַ שרעק פאַרקריכט אין דער נעשאָמע — דעמאָלט בלײַבט איבער איין זאַך: „דעם האַרס רוף“. קוים דערהערט דער העלפאַנט דעם רוף, לייגט ער אום דעם ערשטן בוים, וואָס ער טרעפט אָן אויפן וועג. די כאַיעס צעלויפן זיך אין שרעק פאַר אים. דער בוים פאַלט מיט אַ קנאַל און גערויש; די מאַלפּעס כאַפּן זיך אויף פון שלאָף און שפּרינגען פון צווײַג צו צווײַג; פון ערגעץ ווײַט הערט זיך אַ וואָיען פון אַ טיגער — אַפילע דער טיגער איז איבערגעשראָקן. און דער העלפאַנט וואַרפט אַנידער אַ צווייטן און אַ דריטן בוים אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און באַלד לייגט זיך פאַר אײַך אויס אַ גלײַכינקער וועג צו אײַער הויז.

www.libtool.com.cn

## 2. דער נאַכטלעכער איבערשרעק

צו פינף יאָר איז שוין קאַרי געווען אַזוי הויך, קימאַט ווי אונדזער הויז. מיר האָבן אים נישט צוגעווינט צו געיעג, מאַכמעס מיר האָבן זיך אַליין נישט פאַרנומען מיט געיעג אויף ווילדע באַיעס. דער טאַטע האָט געקריגן אַרבעט פון אַ שטיינהאַקער בײַם דורכלייגן אַ שאָסיי און איז אין דער היים נישט געווען גאַנצע וואָכן. איך מיטן ברודער פלעגן מיר פאַרברענגען גאַנצע טעג אין פעלד. מיר האָבן צו מאָל נישט געטראַכט אַפילע צו מאַכן פון קאַרין אַ יעגער-העלפאַנט. קאַרי איז אויך אָן דעם לערנען געווען זייער דרייסט און ווען מיר האָבן גערדאַרפט זיך לאָזן טיפער אין דזשונגל אַרײַן, פלעגן מיר שטענדיק מיטנעמען אים מיט זיך.

די ענגלענדער, אַז זיי רײַטן אויף אַ העלפאַנט, בינדן זיי אים שטענדיק צו צום רוקן אַ כאַודאַך. כאַודאַך — דאָס איז אַזאַ קעסטל מיט הויכע ווענטלעך. אינעווייניק אין קעסטל זענען אײַנגעאָרדנט בענקלעך צום זיצן. אָבער אַ כאַודאַך איז נייטיק נאָר פאַר מענטשן, וואָס זענען נישט געווינט צו רײַטן אויף אַ העלפאַנט, זיי דאַרפן הויכע ווענטלעך, אַנישט, אויב דער העלפאַנט וועט זיך צעלויפן, קענען זיי אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. פון דעם קעסטל ארויס זעען זיי גאָרנישט, קינדער קענען אַפילע נישט אַריבערקוקן איבער די ראַנדן פון כאַודאַך. מיר האָבן גלענצנד געריטן אויף קאַרין אָן אַ כאַודאַך.

איין מאָל אין אָוונט האָבן מיר מיטן ברודער זיך אויסגעקליבן אין וועג אַרײַן. מיר האָבן באַשלאָסן צו באַזוכן דעם טאַטן. דער ברודער האָט אַרויפגעלייגט אויף קאַריס רוקן אַ מאַטראַץ

www.libtool.com.cn

און אים גאָר פעסט צוגעבונדן מיט שטריק, ער זאָל זיך נישט אַראָפּגליטשן, וואָרעם ס׳איז נישט קיין איבעריק פאַרגעניגן אַראָפּצוגליטשן זיך פון אַ העלפאַנט און פאַלן צו זײַנע פיס.

מיר האָבן פעסטער צוגעצויגן די שטריק און זיך אויסגעצויגן אויפן מאַטראַץ. די גלעקלעך האָבן מיר אַרויפגעצויגן און פאַרבונדן, זיי זאָלן נישט קלינגען אויפן וועג דורך דער דזשונגל. מיר זענען געלעגן אויף קאַריס רוקן און האָבן געקוקט אויף די שטערן. זיי האָבן אויסגעזען צו זײַן אַזוי נאָענט, אַז ס׳האָט זיך געגלוסט די האַנט אויסציִען און אַראָפּרײַסן זיי.

שלאָפן האָבן מיר נישט געקענט. מיר האָבן זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון דער דזשונגל. קאַרי האָט זיך געטראָגן איבער דעם וואַלדיקן שטעג ווי אַ שווערע כמאַרע. פון צײַט צו צײַט פלעגט אַ טיגער אַרויסגיין פון וואַלד-געדיכטעניש, איבערשנײַדן אונדז דעם וועג און פאַרשווינדן אין דער פינצטערניש. אָבער קאַרי האָט אויף די טיגערס קיין אַכט נישט געלייגט. פלוצלונג האָט האַרט לעבן אים זיך דערהערט אַן אָפּגעהאַקט בילערײַ, און אַ פוקס איז אַרויסגעלאָפן פון צווישן די ביימער. קאַרי האָט זיך אָפּגעשטעלט און געוואַרט, ביז ער איז אַוועק פון וועג. דערנאָך האָט ער זיך ווידער געלאָזט פאָרויס. אין שײַן פון דער לעוואָנע האָט דער וועג זיך געלויכטן ווי אַ זילבערנער טײַך. מיר האָבן געזען, ווי איבער אים שפּרינגען וועווערקעס פון צווײַג צו צווײַג.

העלפאַנטן קענען דרעמלען אין גאַנג. מיר האָבן דערפילט, ווי קאַרי האָט אָנגעהויבן שטעלן שטילע טריט און פאַרשטאַנען, אַז ער איז אַנטדרימלט געוואָרן. וואָס ס׳איז געשען ווײַטער, האָבן מיר נישט געוווּסט, מאַכמעס מיר זענען אַליין אויך אײַנגעשלאָפן. כ׳קען נישט זאָגן, וויפל צײַט ס׳איז אַריבער, ביז מיר האָבן זיך אויפגעכאַפּט. כ׳ווייס נאָר, אַז אונדז האָט איבערגעוועקט אַ האַסטיקער שטויס, אַ ליאַרעמדיק געשריי פון העלפאַנט און עמעצנס אַ שרעקלעך וואָיען.

www.libtool.com.cn

מיר האָבן זיך איינגעקלאַמערט אין מאַטראַץ און קוים זיך אָנגעהאַלטן אין העלפאַנטס רוקן, און קאַרי האָט זיך געלאָזט לויפן.

די שטאַמען האָבן געקנאַקט, די צווייגן געבראָכן זיך און אַראָפּגעפאַלן. מיר האָבן געהערט, ווי די מאַלפּעס אויף די ביי־מער שרייען מוירעדיק; סטאַיעס איבערגעשראָקענע פייגל האָבן זיך אויפגעהויבן אין דער לופט און מיט די פליגלען אָנגערירט אונדזערע פּענעמער. מיר האָבן געשריגן אויף קאַרין, ער זאָל זיך באַרויִקן, אָבער ער האָט זיך געטראָגן ווי אַ דולער. ווילדע כאַ־זירים האָבן מיט אַ כראָפּען זיך אָפּגעריסן פון אָרט; עפּעס האָרנדיקע כאַיעס האָבן זיך געשאַרט פון אַלע זייטן. פּאַר אונדז איז אַוועקגעפאַלן אַ בוים. דער וואַלד האָט אַ ציטער געטון און איז פאַרגליווערט געוואָרן. אַ ציטער איז אַריבער איבער קאַריס קער־פּער און ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ווי איינגעגראָבן אין דער ערד. מיר האָבן נישט געקענט פאַרשטיין, וואָס דאָ איז פאָרגע־קומען. איך האָב גערעדט צום העלפאַנט — ער האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ. איך האָב ווידער מיט אים געשמועסט און גע־נייט אים אויפצוהייבן דעם קאָפּ. ער האָט מיך געפאָלגט. איך האָב איבער זיין נאָז זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד. קאַריס נאָז איז געווען קלעפּיק. דער העלפאַנט האָט מיך אַראָפּגעטרייסלט, ווי איך וואָלט אים גוירעם געווען אַ ווייטיק. איך האָב עס דער־ציילט דעם ברודער.

— איך פאַרשטיי, וואָס דאָ איז געשען! — האָט געענט־פערט דער ברודער — ער האָט אָנגעטרעטן אויף אַ בער! אין אַזעלכע לעוואָנעדיקע נעכט בראָדזשען אַרום די בערן אין די שאָטנס פון די ביימער און נאַשן די בלעטער פון מאַכולע. ד' מאַכולע פאַרשיקערט זיי און זיי פאַלן פון די פיס און שלאָפן איין. דער בער איז, ווייזט אויס, איינגעשלאָפן אונטער אַ בוים; קאַרי האָט אין דרימל נישט דערפילט זיין רייעך און אומגערן

www.libtool.com.cn

אָנגעטרעטן אויף אים. דער בער האָט פון איבערשרעק אים אָפּ־געריסן אַ שטיקל נאָז.

ווען קאַרי וואָלט נישט געדרעמלט, וואָלט ער דעם בער געווען דערהאַרגעט; אָבער איצט האָט ער בײַם אויפכאַפּן זיך אַזוי זיך דערשראָקן און ווילד געוואָרן פון ווייטיק, אַז ער האָט זיך געלאָזט אַנטלויפן.

איך האָב נאָך אַ מאָל אָגנערירט זײַן נאָז . ער האָט גע־בלוטיקט. בײַם שײַן פון דער לעוואָנע האָט מען געזען, אַז מײַן האַנט איז רויט געוואָרן. כ׳האָב ווידער גענומען רעדן מיט קאַרין. כ׳האָב געזאָגט, אַז כ׳האָב ראַכמאָנעס אויף אים, אָבער כ׳קען לײַ־דער מיט גאָר נישט אים העלפן; כ׳האָב אים געבעטן, ער זאָל צו־ריק אַרויף אויף דעם וועג. ער האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ; דאָס האָט געהייסן: ניין.

איך בין אַרויף אויף זײַן רוקן.

— אויב ער וויל נישט אַרויף אויפן פּרײַערדיקן וועג, דאַרף מען אים געבן דעם „האַרס רוף״ — האָט געזאָגט מײַן ברודער. — זאָל ער דורכלייגן אַ נײַעם וועג דורכן דזשונגל.

איך האָב געגעבן דעם העלפאַנט דעם רוף.

דעמאָלט האָט קאַרי אויפגעהויבן זײַן פאַרבלוטיקטע נאָז און אומגעשלײַדערט אויף דער ערד דעם ערשטן בוים, דערנאָך דעם צווייטן. דעם דריטן האָט ער נישט געקאָנט אומשלײַדערן מיט זײַן נאָז, האָט ער זיך אונטערגעגעבן אויף צוריק, אָפּגעטרעטן עט־לעכע טריט און זיך אָנגעשפּאַרט אויף אים מיט זײַן רוקן. דער בוים איז אומגעפאַלן און קאַרי איז אַוועק פאָרויס. מיר האָבן מיט ציין און נעגל זיך אײַנגעקלאַמערט אין די שטריק פון דעם מאַטראַץ. אין גיכן זענען מיר שוין געווען אויפן וועג, דרײַ קילאָמעטער פון דעם אָרט, ווו קאַרי האָט זיך אָנגעשטויסן אויפן בער.

איך ווייס, פאַר וואָס קאַרי האָט זיך נישט געוואָלט אומ־קערן צו יענעם אָרט. כאַיעס האָבן נישט ליב זיך אומצוקערן אויף דעם אָרט, ווו זייער קאָווועד איז באַליידיקט געוואָרן. און אונטער־געבן זיך אַ שרעק באַטײַט — ווערן באַליידיקט.

www.libtool.com.cn

## 3. מיר לאָזן זיך אין שטאָט אַרײַן

– נו, כּאַרי – האָט מיר איין מאָל געזאָגט דער טאַטע – דו מיט קאַרין װעסט האָבן אַן אַרבעט. כ׳האָב זיך אונטערגענומען צוצושטעלן אין בענאַרעס רײַז פאַרן הער מאַהאַטמאַ. אין אַ װאָך אַרום דאַרפֿט איר זיך לאָזן אין װעג אַרײַן.

איך בין נאָך קיין מאָל נישט געװען אין שטאָט און האָב מיט פֿרייד זיך גענומען גרייטן צו דער נסיעה.

– קוידעם קאָל דאַרף מען קאַרין צוגעװױנען צו הינט און מאַלפּעס – האָט געזאָגט דער טאַטע. – אין בענאַרעס זענען זיי דאָ זייער אַ סאַך, זאָל דיר דאָרט דער העלפֿאַנט נאָר נישט אָנ-מאַכן קיין צאָרעס!

הינט קענען דערפֿירן אַ העלפֿאַנט צו מעשוגאַס. װען אַ העלפֿאַנט גייט אַדורך אַ דאָרף, בילן אויף אים אַלע הינט, װיפֿל ס׳זענען דאָ. געװײנלעך לייגן די העלפֿאַנטן נישט קיין אַכט אויף די הינט, אָבער ס׳זענען דאָ אויך אַזעלכע, װאָס לאָזן זיך נאָכ-יאָגן די הינט. צװישן אונדזער דאָרף און דער שטאָט זענען געװען עטלעכע קליינע דערפֿלעך, און איך האָב נישט געװאָלט, אַז קאַרי זאָל מיך אַרומשלעפּן איבער די גאַסן און געסלעך, יאָגנדיק זיך נאָך גאַסנהינט.

די הינט פֿון אונדזער דאָרף האָבן זיך שוין לאַנג צוגע-װױנט צו קאַרין און זיך קיין מאָל אויף אים נישט געװאָרפֿן מיט בילערײַען. דעריבער האָט מען אים אין דער היים נישט געקענט צוגעװױנען צו אַ הינטיש בילערײַ. איך האָב זיך בעראַטן מיטן ברודער און מיר האָבן באַשלאָסן אָװעקצופֿירן קאַרין אין די

www.libtool.com.cn

שכיינעסדיקע דערפֿלעך, וואָס ער איז נאָך אין זיי נישט געווען.

אין ערשטן דאָרף, האָט זיך אַרויסגעוויזן, זענען אין גאַנצן קיין הינט נישטאָ. מיר זענען אַריבער די הויפּטגאַס אָן זאָרגן. אין צווייטן דאָרף האָבן אונדז געטראָפן אַ צוויי דרײַ הינט, אַ ביסל געטון און אַנטלאָפן. מיר האָבן שוין געקליבן זיך צו פֿאָרן ווײַטער, האָט אונדז פּלוצלונג אַרומגערינגלט אַ מאַכנע ריזיקע הינט. אָבער ס׳איז געווען אַ שרעק אַ קוק צו טון אויף קאַרין — אַזוי ווילד האָט ער אַרומגעשלײַדערט מיט זײַן נאָז און באַמיט זיך צו כאַפּן איינעם פֿון די פֿײַנט. ער האָט דורכויס געוואָלט אַנטרעטן אַ הונט אויפֿן רוקן, אָבער די קלאָווים האָבן זיך קע־סיידער אַרויסגעגליטשט פֿון אונטער זײַנע פּיס. די הינט האָבן זיך נאָך מער געוואָרפֿן, און קאַרי האָט זיך אַרומגעיאָגט אין אַ קרײַז אַלץ גיכער און גיכער, ווי אַ דולער.

אונדז איז געווען נישט לײַכט אײַנצוהאַלטן אויף אים. דער קאָפּ האָט זיך אונדז געדרייט. נאָך אַ ביסל און מיר פֿאַלן אַראָפּ אויף דער ערד. אָבער מיט אַ מאָל האָט זיך דערהערט אַ שוידער־לעכער יאָמער, און די מאַכנע פֿײַניקערס האָט זיך צעשאָטן ווי אַרבעס. קאַרי האָט אָנגעטרעטן אויף איינעם פֿון די הינט, צע־קוועטשט אים, און די מאַכנע האָט אונדז צו רו געלאָזט.

מיר האָבן אָפּגעפֿירט קאַרין אַהיים, אויסגעבאָדן אים אין טײַך, געגעבן אים פֿרישע צווײַגן און יונגע ביימעלעך צו עסן; אָבער ער האָט נישט געגעסן.

איצט איז נאָך געבליבן צוצוגעווינען קאַרין צו מאַל־פּעס. יעדער ווייסט, וואָס פֿאַר דערקוטשענדיקע כאַיעס דאָס זענען. איך האָב געהאַט אַ מאַלפּעלע מיט אַ רויטער מאָרדעלע און אַ ברוי־נער פֿעל. זי האָט געהייסן קאָפּי. זי האָט זיך געהאַלטן אויף אַ געוויסן אָפּשטאַנד פֿון קאַרין. ווען מיר פֿלעגט אויסקומען צו גיין אין די שכיינעסדיקע דערפֿלעך, פֿלעגט קאָפּי מיר אַרויפֿשפּרינגען אויפֿן אַקסל און, אויב מיר זענען אַדורכגעגאַנגען דורך אַ מאַרק, וווּ מען פֿאַרקויפֿט מאַנגאָ און אַנדערע פֿרוכטן, האָב איך געהאַט

www.libtool.com.cn

מיט איר נישט איין צאָרע. די פּרוכטן ליגן אָפן, די קוישן מאַנגאָ זענען אָנגעהויפט איינער איבער דעם אַנדערן, די פּאָמעראַנצן ליגן אין אַ קופּע. וואָס קען זײַן בעסער ווי דער רייעך פון אַן אויבסמאַרק? די מאַלפּע, גאָט ווייסט ווי אַזוי, האָט שטענדיק געוווסט, צי איך טראַכט וועגן איר צי נישט. האָב איך מיך נאָר פאַרגאַפט אויף אַ רעגע, איז זי מאָמענטאַל אַראָפּגעשפּרונגען פון מײַן אַקסל און געכאַפּט אַ צוויי דרײַ פּאָמעראַנצן און אַנטרונען אין אַ באַהאַלטן ערטל. דערנאָך איז געוואָרן אַ גאַנצער סקאַנדאַל. הונדערטער מענטשן האָבן מיט געשרייען און זידלערײַען זיך געיאָגט נאָך קאָפּי פון בוים צו בוים, ביז די מאַלפּקע איז זיי נישט פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

כ׳האָב שטענדיק מוירע געהאַט, אַז דער האַמוין זאָל זיך נישט וואַרפן אויף מיר און אָפּרעכענען זיך פאַר קאָפּיס שטיפּערײַען. האָב איך זיך שטילינקערהייט אָפּגעטראָגן און אַנטלאָפן אַהיים. אין אַ שאָ צוויי אַרום האָב איך באַמערקט קאָפּי זיצן אויפן דאַך. זי האָט געמאַכט אַן אומשולדיקע מינע און זיך געקראַצט, אַזוי ווי ס׳וואָלט גאָר נישט געשען.

פאַרן פאָרן אין שטאָט אַרײַן האָב איך באַשלאָסן צוצוגעוווינען דעם העלפאַנט צו מאַלפּעס. איך האָב אַרויפגעזעצט קאָפּין אויף מײַן אַקסל און בין צוגעגאַנגען צום העלפאַנטס שטאַל. קאַרי איז געשטאַנען און געקראַצט זיך מיט אַ צווײַגל. דערזעענדיק די מאַלפּקע, האָט ער זיך צעכראָפּעט און אויסגעשטרעקט די נאָז צו כאַפּן זי. קאָפּי האָט אַ קוויטשע געטון, זיך אַרויסגעגליטש פון מײַנע הענט און מיט איין שפּרונג אַרויף אויפן דאַך פון שטאַל. איך בין צו צו קאַרין און אים מוסער געזאָגט:

— קאַרי, דו מוזסט דיך צוגעוווינען צו מאַלפּעס. אָבער כ׳וויל נישט, דו זאָלסט דערהאַרגענען מײַן קאָפּי, ווי דו האָסט דערהאַרגעט דעם הונט.

העלפאַנטן האָבן נישט ליב מאַלפּעס, מאַכמעס זיי טראָגן זיך שטענדיק אויף די ביימער איבער זייערע קעפּ, פּישטשען,

www.libtool.com.cn

רייצן זיך מיט זיי און וואַרפן זיך מיט אַלערליי פּאַסקודסטוועס. דאָך איז מיר נאָך אַ וואָך צײַט געלונגען צונויפצופירן קאַרין מיט קאָפּין צוזאַמען. ס'איז געקומען דער טאָג, ווען דער העלפאַנט איז געשטאַנען פון איין זײַט פון אַ קופּע אויבס און קאָפּי פון דער אַנדערער. אַוואַדע האָט דער העלפאַנט געגעסן גיכער זוי קאָפּי. די מאַלפּע האָט דאָס באַמערקט און גענומען רײַבן אויף ביידע באַקן, אַזוי אַז הינטער יעדער באַק איז בײַ איר אָפּגעשטאַנען אויף אַ גאַנצער פּויסט. כ'האָב געזען, אַז דער איניען איז אויף אַ גוטן וועג, בין איך אַרויף או'ף קאַריס רוקן און אַ פײַף געטון צו קאָפּין. זי איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בוים צו מיר אויפן אַקסל. דער העלפאַנט האָט אַ ציטער געטון, אָבער זיך באַלד באַרויִקט. איך האָב אים געזאָגט „מאַלי" און ער האָט גערירט פון אָרט.

לעסאָף איז געקומען די צײַט צו לאָזן זיך אין שטאָט אַרײַן. דאָס מאָל האָבן מיר אים אָנגעבונדן אויפן רוקן אַ כאַודאַך. לעבן הויז פון הער מאַהאַטמאַ זענען געלעגן שווערע זעק רײַז. קאַרי האָט מיט דער נאָז אויפגעהויבן אַ זאַק און אים אַרײַנגעלייגט אין קאַסטן. איך בין אַרײַן אין קאַסטן און בעסער אײַנגעלייגט דעם זאַק און גלײַך האָב איך איבער זיך דערזען דעם צווייטן זאַק.

— פּאָרזיכטיק, קאַרי! — האָב איך אויסגערופן — דערשטיק מיך נישט!

דער זאַק איז געבליבן הענגען אין דער לופט, ביז איך בין נישט אַרויס פון כאַודאַך.

ווען אַלע זעקלעך זענען געווען אײַנגעלייגט, האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, איך האָב נישט געוואָלט מיטנעמען קאָפּין, אָבער, ווען זי איז לאַנג אַרומגעשפּרונגען איבער אונדזערע קעפּ פון צווײַג צו צווײַג, האָב איך זיך נישט געקאָנט פון איר אָפּטשעפּען.

די לעוואָנע האָט העל געלויכטן. איר שײַן האָט ווי אַ ווײַ-



1 7 7 7 9

www.libtool.com.cn

סער רעגן אַראָפּגעטריפּט אויף דער ערד. צו האַלבער נאַכט האָבן די דזשונגלען געלויכטן. מען האָט געזען יעדעס בלעטל פון די העכסטע שפּיצן ביז דער סאַמע ערד, ווו ס׳האָבן זיך אויסגעלייגט שוואַרצע שאָטנס. דער העלפאַנט האָט פויל געטרעטן איבער דעם וואַלדשטעגל. קיין זאַך האָט נישט געשטערט זײַן רו. ער האָט אויף קיינעם זיך נישט אומגעקוקט.

קאָפּי — זי האָט זיך יאָ געשראָקן. מאַלפּעס האָבן מוירע פאַר שלאַנגען. די שלאַנגען קריכן אַרויף אויף די ביימער און יאָגן זיך נאָך פייגל. די מאַלפּעס רויבן אויך אויס די פייגלנעסטן: זיי גאַנווענען אַרויס די אייעלעך. אַ מאָל טרעפט זיך, אַז אַ שלאַנג רייניקט אויס די נעסט און לייגט זיך אײַן אין אים אויסצורוען, און אַ מאַלפּע שטעקט אַרײַן אין דעם נעסט אַ לאַפּע און שטאָט אַן איי געפינט זי דאָרט אַ שטערבלעכן ביס.

אַ מאָל גיט זיך אײַן אַ מאַלפּע צו צערײַסן אַ שלאַנג ווי אַ שטריק, איבערברעכן די ביינער און אַוועקוואַרפן, איידער די שלאַנג באַווײַזט איר אַ ביס צו טון. אָבער דאָס טרעפט זיך זעלטן. וואָרעם אַ מאַלפּע ווערט דערציטערט, ווען זי דערהערט אַ שורשען פון שלאַנגס גוף. דער קלענסטער שאָרך אין גראָז אָדער אין די בלעטער פון די ביימער, און קאָפּי איז פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק. איך האָב איר געלייגט אַ האַנט אויפן אַקסל און געשעפטשעט: „שרעק זיך נישט. בײַם העלפאַנט אויפן רוקן איז נישטאָ וואָס צו שרעקן זיך״.

אויך האָט זי געשראָקן דער געשריי פון אַ סאָווע. מאַלפּעס וואָס וווינען אין דזשונגל זענען צוגעוווינט צו דעם געשריי, אָבער קאָפּי איז אויסגעוואַקסן צווישן מענטשן און האָט קיין מאָל נישט געהערט די קוילעס, וואָס רופן זיך איבער אין וואַלד. ווען די סאָוועס האָבן געקלאַפּט מיט די פליגל און אָנגעהויבן זייער וואָיען און לאַכן, האָט זיך געדאַכט, אַז דער יאַם פון שווײַגן זידט אויף מיט דעם שוים פון גערויש. טכילעס האָב איך אויך געציטערט, ווען כ׳האָב דורכן שלאָף דערהערט דעם געשריי פון

www.libtool.com.cn

אַ סאָווע, אָבער אין גיכן האָבן מיר מיט קאָפּין זיך צוגעוווינט צו אים.

ארום דרײַ באַגינען האָט קאָרי זיך אָפּגעשטעלט און אָפּגעזאָגט ווײַטער צו גיין. איך האָב אים געהייסן אויסלאָדענען דעם רײַז אויף דער ערד און ער האָט מיט פאַרגעניגן מיך געפאָלגט. כ׳ווייס נישט, ווי לאַנג כ׳בין נאָך דעם געשלאָפן. קאָפּי האָט מיך אַ צי געטון פאַר דער האַנט, און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. די לעוואָנע האָט געוואָרפן אויף די דזשונגלען קווערלעכע שטראַלן דורך די טונקעלע וואָלקנס. די וואָלקנס האָבן זיך פאַרבײַגעטראָגן, ווי הונדערטער ווילדע העלפאַנטן וואָלט מיט נישט געהערטע טריט געגאַנגען דורכן וואַלד. דאָס האָט געשפּאַנט די שטילקייט.

דערנאָך האָט אַ פויגלשטים דורכגעלעכערט די שטילקייט און דער הימל האָט אויפגעהעלט. דער מאָרגנשטערן האָט אויפגעזונגען ווי אַ פלייט, ס׳האָבן זיך אָפּגערופן פייגלשע סטײַעס און די זון האָט זיך אַרויסגעריסן אויפן האָריזאָנט. קאָרי האָט אויפגעהויבן די נאָז און זיך צעטרובעט. נישט וואַרטנדיק אויף מײַנע באַפעלן, האָט ער גענומען אַרויפוואַרפן צו זיך אויפן רוקן די זעקלעך. מיר האָבן זיך ווידער געלאָזט אין וועג אַרײַן.

צו מיטאָג זענען מיר געקומען צו אַ טײַך. צײַט געווען אָפּצורוען. כ׳האָב אויסגעבאָדן קאָרין, אויסגעבאָדן זיך אַליין. קאָפּי איז פאַרשוווּנדן צווישן דיביימער. „אויסגעהונגערט זיך, די גאַנעוועטע״, האָב איך געטראַכט און בין אויך אַרויף אויף אַ בוים אָפּצוהאַקן פרישע צווײַגלעך פאַר קאָרין. כ׳האָב צוגעגרייט אַ מיטאָג פאַר אים, צעלייגט אַ פײַער און געשטעלט זיך קאָכן פאַר מיר. דאָ האָב איך פון דער ווײַטנס דערזען אַ קאַראַוואַן. קאָפּי האָט אים אויך דערזען פון שפּיץ בוים און זי האָט זיך דענערווירט.

איך האָב זיך געפרייט מיטן אָנקום פון קאַראַוואַן. ס׳איז מיר שוין דערעסן צו פאָרן איינער אַליין. דערצו האָבן נאָך מיס־

www.libtool.com.cn

טאָמע די פּירערס פון קאַראַוואַן געקענט אַ קירצערן וועג אין שטאָט אַרײַן. די קעמלען האָבן מיט הויך אויפגעהויבענע קעפּ זיך דערנענטערט צום טײַך. זיי האָבן אויסגעצויגן די לאַנגע העלדזער, דערפילנדיק דאָס וואַסער. ווען די לופט ווערט פײַכט — הייסט דאָס, אַז אין דער נאָענט געפינט זיך וואַסער. דערזעענדיק די קעמלען, האָט קאַרי זיך בייז צעכראָפּעט. די מאַלפּקע איז געווען אויסער זיך פון דענערוויריטקייט.

איך האָב באַרויִקט דעם העלפאַנט און בין אַוועק באַגעגענען די אָנקומענדיקע. דער קאַראַוואַן האָט זיך אָפּגעשטעלט, די אָנטרײַבערס האָבן צוגעבונדן די קעמלען צו ביימער און זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ שאָ צוויי אָפּצורוען. אײַלן זיך איז נישט געווען וואָס: בענאַרעס איז נישט געווען הינטער די האָריי כוישעך.

אַרום פיר האָבן זיך צעוואָרקעט טײַבעלעך. קאָפּי האָט זיך אונטערגעהויבן און אײַנגעהערט. דערנאָך האָט פון ווײַטנס זיך צעקוקעט אַ קוקאַווקע, און אין עטלעכע מינוט שפּעטער איז דער קאַראַוואַן געווען גרייט צום אָפּפאָר.

ביזן סאַמע אָוונט זענען מיר געפאָרן אָן שום שרעקענישן

www.libtool.com.cn

## 4. אין בענאַרעס

ווען די זון איז פאַרגאַנגען און די אָונטיקע שטילקייט
איז געדיכטער געוואָרן, זענען מיר אַרײַנגעפאָרן אין בענאַ-
רעס, די עלטסטע שטאָט אין אינדיע. טויזנטער יאָרן האָבן
דאָ מענטשן געלייגט אַ שטיין אויף אַ שטיין, קעדיי אָפצוהיטן
די הויכע טורעמס און טונקעלע קופּאָלן פון צעשטערנדיקן
שטראָם פון גאַנגעס. דער הייליקער טײַך הערט נישט אויף
אונטערצושווענקען די שטיינערנע ברעגעס. אַלע טורעמס פון
בענאַרעס האָבן זיך אָנגעבויגן צו דער זײַט פון טײַך: דאָס
וואַסער האָט זיי אונטערגעשווענקט, ווי אַ ביבער בײַסט אונ-
טער די שטאַמען פון ביימער. אין בענאַרעס פילסטו, וויפל
לאַנגע דורעס אינדיע האָט שוין איבערגעלעבט.

מיר זענען אַדורך די גאַסן פון בענאַרעס אין אַ לאַנ-
גער שמאָלער קייט. די קעמלען זענען געגאַנגען פאָרויס. די
מאַלפּקע איז אַראָפּגעשפּרונגען פון מײַן אַקסל און געלאָפן אי-
בער די דעכער פון די הײַזער. דאָ איז זי קוויטשענדיק פאַר-
לאָפן פאָרויס, דאָ איז זי פאַרשוווּנדן צווישן ווענט און דע-
כער. איך האָב פון די זײַטן פון העלפאַנט אַראָפּגעלאָזט צוויי
גלעקלעך, און זייער ריינער קלאַנג האָט זיך אַרײַנגעגאָסן אין
דער שטילקייט פון קילן אָוונט. מענטשן זענען געגאַנגען אי-
בער דער גאַס. ווי רויטע פלעקן האָבן געלויכטן די מאַנטלען
פון די כאָשעווע סאָכרים. די טויבן אויף די דעכער האָבן
אויסגעבויגן זייערע רעגנבויגנדיקע העלדזלעך. אַן ענגלענדער
אין אַ קאָרקענעם העלם איז געשטאַנען אויף אַ באַלקאָן און

www.libtool.com.cn

זיך געפּאַכעט מיט אַ פעכער. פּלוצלונג האָט קאַרי אויסגע־שטרעקט זײַן נאָז און אַרויסגעכאַפּט בײַ אים דעם פעכער פון האַנט – איך בין פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק.

– גיב אָפּ דעם פעכער! — האָב איך אויסגערופן — גיב באַלד אָפּ דעם פעכער!

קאַרי האָט פאַרשטאַנען, אַז איך בין אומצופרידן און אָפּגעגעבן דעם פעכער דעם ענגלענדער.

– ווײַסער סאַהיב – בייזער סאַהיב. ריר נישט קיין מאָל קיין ווײַסן סאַהיב! – האָב איך דערקלערט קאַרין, פרייענ־דיק זיך, וואָס די זאַך איז אונדז אַראָפּ גלאַטיק.

מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ צוויי קוואַרטאַלן און פּלוצלונג האָב איך דערהערט אַ יאָמערנדיקן קוויטש.

קאָפּי האָב זיך געטראָגן איבער די דעכער, און הינטער איר איז געלאָפן אַ מענטש מיט אַ שווערן שטעקן אין האַנט.

– ריר נישט מײַן מאַלפּע! וואָס האָט זי דיר געטון, שלעכטער מענטש?

– וואָס האָט זי געטון! זאָל זײַן פאַרשאָלטן דײַן מאַל־פּע! — האָט ער אויסגערופן — זי האָט מײַן פּאָפּוגײַ אַזוי פיל פעדערן אויסגעצופּט, אַז ער זעט איצט אויס ווי אַן אָפּ־געפליקטע מויז!

די קעמלפירערס האָבן זיך צעלאַכט. בעשאַס דער מענטש איז געשטאַנען אויפן דאַך און זיך געזידלט, איז קאָפּי אַראָפּ־געשפּרונגען פון דאַך אויף אַ בוים, און פון בוים צו מיר אויפן אַקסל.

– גוט, איך וועל באַשטראָפן די מאַלפּקע — האָב איך געזאָגט צום מענטשן — און דו היט בעסער דײַן פּאָפּוגײַ, אויב דו האָסט אים אַזוי ליב.

כ׳האָב אַ שטויס געטון מיטן פוס דעם העלפאַנט, און ער האָט זיך געלאָזט נאָכיאָגן די קעמלען. צוזאַמען מיטן קאַ־

www.libtool.com.cn

ראַוואַן האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אויף אַן אָפֿענעם פּלאַץ הינטערן שטאָטישן מויער.

צו מאָרגנס, לאַנג פֿאַרן זונאויפֿגאַנג, האָב איך זיך אויפֿגעכאַפּט פֿון שאַרעניש פֿון טויזנטער פֿיס איבער די שטויביקע טראָטואַרן פֿון בענאַרעס. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אַנטלויפֿט אַוועק די שטילקייט פֿון דער זומערדיקער נאַכט. איך האָב איבערגעלאָזט קאַרין און קאָפּין מיטן אָנטרײַבער פֿון די קעמלען און געגאַנגען זען, פֿון וואַנען עס דערגייט דאָס הילכיקע טרעטן פֿון דעם האַמוין. אין גיכן האָב איך זיך געפֿונען בײַם ברעג פֿון גאַנגעס און דערזען אַ מענגע פּילגרימען, וואָס זענען געגאַנגען צום הייליקן טײַך, קעדיי זיך אויסצובאָדן אין זײַנע הייליקע וואַסערן און באַגעגענען דעם זונאויפֿגאַנג. איך האָב זיך אויסגעבאָדן צוזאַמען מיט אַלע, און ווידער האָט די מאַסע זיך צעהודעט, אויפֿהייבנדיק זיך איבער די טרעפּ פֿון דעם האַוטאַ — דעם לייטער וואָס פֿירט צום טײַך. באַלד איז געוואָרן טאָג. איבערן הימל און דעם וואַסער האָבן זיך צעשפּילט די שטראַלן פֿון דער מאָרגנזון. אַ גאָלדענער אָפּשײַן האָט זיך געלייגט אויף די פּענעמער פֿון די מענטשן און די צום הימל אויפֿגעהויבענע הענט. די פּילגרימען האָבן באַגעגנט דעם זונאויפֿגאַנג מיט אַ פֿײַערלעכן געזאַנג.

אָבער איך האָב נישט געקענט לענגער בלײַבן אויף די טרעפּ פֿון האַוטאַ: כ׳האָב געוווּסט, אַז קאַרי און קאָפּי וואַרטן אויף מיר און כ׳בין געלאָפֿן אַהיים.

כ׳בין ריכטיק געקומען: דער קאַראַוואַן איז אַוועק אויפֿן מאַרק. צום לעצטן מאָל האָט קאַרי אויפֿגעהויבן די זעקלעך מיט רײַז אויף זײַן רוקן און מיר האָבן ווידער זיך געלאָזט אין אַ שערענגע אין שטאָט אַרײַן. אויפֿן פּלאַץ איז געווען אַזוי פֿיל מענטשן, אַז ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע מענטשן פֿון אינדיע האָבן זיך פֿאַרזאַמלט אויף איין אָרט.

www.libtool.com.cn

מיר איז געווען שווער צו געפינען אין דער שטאָט דעם הער מאַהאַטמאַס זון, אָבער די פירער פון קאַראַוואַן האָבן מיר אָנגעוויזן זײַן געשעפט.

— גיב איבער אַ גרוס דײַן טאַטן — האָט געזאָגט דער יונ־גער מאַהאַטמאַ, ווען מיר האָבן אָפּגעלאָדנט דעם רײַז פון כאַודאַך — און נאַ דיר פאַר דער אַרבעט אַ מאַטבייע.



דע־נאָך האָבן מיר זיך אומגעקע ט אין מארק.

ער האָט מי־ געגעבן אַ גאַנצע רופּיע. איך האָב זי פאַר־וויקלט אין פּאַפּיר און באַהאַלטן הינטערן גאַרטל.

דערנאָך האָבן מיר זיך אומגעקערט אין מאַרק אַרײַן. כ'האָב לאַנג געטראַכט וואָס צו קויפן פאַרן פאַרדינטן געלט: וויפל שיינע זאַכן איז געווען אַרום מיר! אָבער אַלץ איז געווען טײַער. איך האָב געקויפט אַ שאַכברעטל פאַרן טאַטן און אַ קופּערן שטייסל פאַר דער מאַמען.

www.libtool.com.cn

אַהיים זענען מיר געפֿאָרן דורך דער שטאָט. פּלוצלונג איז פֿון אַ טויער אַרויס אַ סטאַדע הינט. קאַרי איז געווען רויִק ווי אַ פֿעלדז. ער האָט זיך געמאַכט ווי ער זעט נישט די הינט און דאָס האָט זיי נאָך מער דערצערנט. זיי זענען נישט אָפּגעשטאַנען און איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו טון. כ'האָב צו מאָל נישט געהאַט קיין שטיין צו וואַרפֿן אין זיי.

די מאַכנע איז געוואַקסן. די קלאָווים האָבן פֿאַרפֿולט די גאַס. מיט אַ מאָל האָט קאַרי זיך פֿאַרמאָסטן און אויפֿגעהויבן מיט דער נאָז איין הונט הויך אין דער לופֿט. כ'האָב מוירע געהאַט אַז דער העלפֿאַנט וועט אים צעשמעטערן אָן די שטיינער און אויסגערופֿן:

– קאַרי, קאַרי! לאָז אים אַראָפּ פּאַוואָליע, ער וועט נישט בײַסן!

קאַרי האָט געפֿאָלגט און פּאַמעלעך אַראָפּגעלאָזט דעם הונט אויף דער ערד, אָבער איז שוין געווען טויט: דער העלפֿאַנט האָט אים דערשטיקט מיט זײַן נאָז.

מיך האָט דאָס פֿאַרדראָסן, און ער האָט דאָס געוווּסט. ער האָט געשפּאַנט מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ, ביז איך האָב אים נישט מויכל געווען.

בײַם ראַנד פֿון וואַלד האָב איך פֿאַר־ אים אָפּגעשניטן צווײַגן, און צום פֿאַרבײַסן געגעבן עטלעכע מאַנגאָ־פּרוכטן. קאָפּי האָט זיך געשאָקלט אויפֿן ראַנד פֿון כאַודאַך, עסנדיק די מאַנגאָס. מאַנגאָ – איז אַ באַליבט נאַשוואַרג פֿאַר מאָל־ פֿעס; דאָס פֿלייש פֿון דעם פּרוכט האָט אַזאַ טאַם ווי רויטע יאַגדעס מיט סמעטענע.

אַזוי האָט זיך געענדיקט אונדזער רײַזע אין שטאָט אַרײַן. איך בין פֿון דער רייזע געווען צופֿרידן, קאָפּי און קאַרי – אַוואַדע נישט. אַ כאַיע האָט ליבער צו לעבן אין דזשונגל׳ איידער אין שטאָט: די דזשונגל איז פֿרײַנדלעכער און פֿ־יילעכער, ווי די שטיינערנע שטאָט.

www.libtool.com.cn

## 5. אין דזשונגל.

אַרויספאָרנדיק פון בענאַרעס, האָב איך געקלערט, אַז אונדזער רײַזע איז שוין געענדיקט. אָבער אַהיים זענען מיר נישט אַזוי גיך געקומען. מיר האָבן אין דזשונגל פאַרבראַכט עטלעכע מעסלעס און אַ סאַך איבערגעלעבט.

מיר האָבן שוין געהאַט הינטער זיך אַ העלפט פון וועג און זענען צוגעקומען צו אַ טײַך. די זון איז געשטאַנען אין זעניט. ס'איז געווען אַזוי הייס, אַז קאַרי האָט זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווײַטער. ווי נאָר ער האָט דערפילט דעם פײַכטן רייעך פון טײַכברעג, האָט ער זיך געלאָזט אַהי'ן און איז אַרײַן טיף אין וואַסער. איך מיט קאָפּין זענען געזעסן אויף זײַן רוקן און די כוואַליעס האָבן געפּליעסקעט אַרום אונדז ווי אַרום אַן אינדזל. קאַרי האָט געהאַלטן דעם נאָז איבערן וואַסער. קוים האָט ער זיך אַ ריר געטון, זענען מיר שיר נישט אַראָפּגעפאַלן. זעענדיק, אַז מיטן העלפאַנט איז אַזוי קיין גאַנג נישט, האָב איך מיר די מאַלפּקע אַרויפגעזעצט אויפן קאָפּ, אַרויסגעשווומען צום ברעג און גענומען וואַרטן, ביז קאַרי וועט ענדיקן זײַן באָד. אָבער קאַרין האָט זיך פאַרגלוסט אַ שפּיל צו טון: ער איז צוגעגאַנגען נענטער צום ברעג און אָנגעהויבן באַגיסן די מאַלפּע, ווי מיט אַ פּאָמפּע. די מאַלפּע, האָט פאָרשקענדיק און טראַסקענדיק זיך אַרומגעיאָגט איבערן ברעג. איך בין געלעגן אויסגעצויגן אויפן רוקן אויפן פײַכטן זאַמד און צוגעקוקט זיך צו דער שפּיל, ביז כ'בין נישט אײַנגעשלאָפן.

אויפגעוועקט האָט מיך אַ שאַרפער געשריי פון דער מאַלפּע און דעם העלפאַנטס אַ כראַפּ. כ'בין אויפגעשפּרונגען און דערזען, אַז קאָפּי זיצט אויף דער ערד און ציטערט פון שרעק, און קאַרי שטייט פאַר איר, וואַרפט די נאָז אין אַלע זײַטן און טרובעט מיטן גאַנצן קויעך. צווישן דעם העלפאַנטס פיס האָט זיך געדרייט אַ

www.libtool.com.cn

גרויסע שלאַנג. כ׳בין פאַרשטיינערט געוואָרן פון שרעק. קאַרי איז שוין, עמעס, אַלט געווען פינף יאָר, זײַן הויט איז געווען אַזוי האַרט, אַז אַ שלאַנג וואָלט זי נישט געקענט דורכ-בײַסן מיט אירע גיפטיקע ציין. אָבער די מאַלפּקע האָט זיך אַזוי דערשראָקן, אַז זי האָט נישט געוואַגט זיך צו רירן פון אָרט.

איך בין שטיל צוגעקראָכן צו קאַפּי. כ׳האָב נישט געוואַגט זיך צוצורירן צו איר: וואָלט איך זי אָנגערירט, וואָלט זי זיך זיכער געוואָרפן אויף מיר און צעביסן. זי איז געווען אַזוי דער-שראָקן, אַז יעדער צוריר איז איר אויסגעקומען ווי אַ צוריר פון אַ שלאַנג. זי האָט גאָר נישט געזען און געהערט אַרום זיך.

ערשט איצט האָב איך באַנומען, וואָס דאָ איז געשען. דער העלפאַנט האָט אָנגעטרעטן אויף אַ שלאַנג. ער האָט איר צע-קוועטשט דעם רוקן, און זי האָט זיך נישט געקענט רירן. אָבער דער פאָדערשטער טייל פון איר קערפּער האָט נאָך געלעבט און איז געשטאַנען גראָד ווי אַ שטעקן פון שוואַרצן האָלץ. די שלאַנג האָט זיך געדרייט, צוגעפּאַלן צו דער ערד. קאַרי האָט אויפגעהויבן דעם פוס צו צעקוועטשן זי, אָבער די שלאַנג האָט ווידער אויפ-געהויבן דעם קאָפּ אין דער הייך.

פאַר מיר איז אַזאַ שלאַנג, מיט אַ צעשמעטערטן רוקן און דערצו אונטער דעם העלפאַנטס פיס, נישט געווען שרעקלעך. כ׳האָב באַשלאָסן זי צו דערהאַרגענען מיט אַ שטעקן. ווען כ׳בין צוגעגאַנגען צו איר מיטן שטעקן, האָבן קאַפּיס אויגן אַ ציטער געטון. זי האָט אַ קוק געטון אויף מיר און מיט אַ קוויטש אַרויף אויף אַ נאָענטן בוים.

אין דעם מאָמענט האָט די שלאַנג מיטן קאָפּ אַ קלאַפּ גע-טון אין העלפאַנטס נעגל — אין די האָרנשיכטן אַרום זײַנע טריט. דאָס איז זײַן פּילעוודיקסט אָרט, וואָרעם דאָ איז די הויט זייער דין. קאַרי האָט אויפגעהויבן דעם פוס. ווײַזט אויס, זי האָט אים נישט צעביסן, אָבער איך האָב נישט געוווסט, ווי לאַנג ער וועט אויס-האַלטן אויף דרײַ פיס. כ׳האָב אויך מוירע געהאַט, קאַרי זאָל

www.libtool.com.cn

זײַן נאָז נישט צופירן צו נאָענט צו דער שלאַנג: אַ שלאַנגענביס אין שפּיץ פון נאָז איז לעבנסגעפערלעך. איך בין אונטערגעשפרונגען און אַ קלאַפּ געטון דער שלאַנג איבערן קאָפּ. זי האָט זיך אויסגעדרייט, אָבער דאָ האָט דער העלפאַנט אויף איר אָנגעטרעטן און צעשמעטערט דעם קאָפּ. קאַרי איז אַוועק פאָרויס, רייבנדיק דעם זאַמד מיט די פיס, אָפּצורייניקן זיי פון בלוט. איך בין צוגעלאָפן אַ קיק צו טין, צי דער פוס איז נישט פאַרוווּנדיקט



איך האָב אַ קלאַפּ געטון דער שלאַנג איבער׳ן קאָפּ.

און ס׳איז מיר אַראָפּ אַ שטיין פון האַרץ: אויף דער הויט האָט מען נישט געזען קיין ביס.

קאָפּי האָט נישט געוואָלט אַראָפּ פון בוים. „עפּשער שעמט זי זיך, וואָס זי האָט זיך דערשראָקן?“, האָב איך געטראַכט און זיך צעלאַכט: איך האָב זיך אויך געפילט נישט מיט אַלעמען.

די זון האָט זיך אָנגעהויבן זעצן. רעשטלעך גאָלדענע שטראַלן

www.libtool.com.cn

האָבן זיך צעגלאַנצט אויפן בלויען וואַסער, די פינצטערקייט האָט געניִדערט ווי אַ שוואַרצע שווערד, און באַלד איז געוואָרן נאַכט. אויף די שפּיצןביימער זענען אַנטשוויגן די פייגלשע קוילעס און, ווי צו פאַרשטאַרקן די שטילקייט, האָבן זיך אין גראָז צעקלונגען די אינסעקטן. איך בין אַרויף אויף קאַריס רוקן און בין געזעסן שטיל, צוהערנדיק ווי סע שפּאַנט איבער די געוויקסן דאָס שווייַגעניש. כ'האָב געזען, ווי אויף יענעם ברעג טײַך האָט זיך זיגזאַגדיק געוויגט דאָס גראָז.

ווען די שטילקייט איז געוואָרן גאַר געדיכט, האָט איבערן טײַך זיך צעדונערט דער הונגעריקער געוואַַי פון אַ טיגער. אַפילע די צווייַגן זענען פאַרגליווערט געוואָרן און ס'האָט זיך געדאַכט, מען האָט דײַטלעך געהערט דעם שאָרך פון די מוסקולען פון דעם זיך פאַרטײַענדיקן טיגער. אַ יעגערהאָרן האָט זיך צעבלאָזן: שוואַכער, באַהאַלט זיך, זוך אַ שוץ!

ס'איז געוואָרן נאַכט. כ'האָב געוואָלט צובינדן קאַרין צו אַ בוים, אָבער אין דער נאַכט האָט ער זיך נישט געלאָזט. ער האָט געשפּאַנט אַרויף און אַראָפּ איבערן ברעג אָן אַ שום גערויש. אַ מאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהערט צו באַוועגן מיט די אויערן. כ'האָב געזען, ווי שטאַרק ער הערט זיך אײַן צו דער שטילקייט. אין גיכן האָט דער טײַך זיך אָנגעגאָסן מיט זילבער. אַ געלער שײַן האָט ווי אַ בריק זיך אויסגעלייגט פון ברעג צו ברעג. בלויז אין יולי איז די לעוואָנע אַזוי הייס און גרויס.

אָן האַקדאָמעס איז קאַרי פּלוצלונג אַרײַן אין וואַסער. איך האָב אים געהייסן זיך אָפּשטעלן, געשטאָכן אים מיט אַ שטעקל, אָבער ער איז טויב געווען. טיפער און טיפער איז ער אַרײַן אין וואַסער. איך האָב מיך געוואָרפן שווימען נאָך אים. דאָס וואַסער האָט אים פאַרדעקט איבערן קאָפּ, אָבער ער איז פאַרשווּונדן אויפן אַנדערן ברעג הינטערן פינצטערן פאָרהאַנג פון בלעטער און קריכנדיקע שטאַמען. איך בין געבליבן מיט קאָפּין. כ'האָב געקוקט אויף די פינצטערע וואָלקנס, וואָס האָבן זיך געקײַקלט

www.libtool.com.cn

צו דער לעוואָנע פון אַלע זײַטן הימל, און פאַרשטאַנען, אַז ס׳דערנענטערט זיך אַ שטורעם.

— גיכער אויף אַ בוים, קאָפּי! — האָב איך אויסגערופן צו דער מאַלפּע, און מיר זענען ביידע אַרויף אויף אַן אַלטן באַנאַנ־בוים. דער מעכטיקער שטאַם האָט אַ ציטער געטון פון אַ דונער, ווי אַ דינינקע גרעזל. אַ בליץ האָט אַ שמיץ געטון איבערן וואַלד. דער רעגן האָט אונדז אַרומגענומען ווי אַ מויער. מיר האָבן זיך אײַנגעקלאַמערט אין די צווײַגן, דער גאָסרעגן זאָל אונדז נישט אַראָפּשווענקען.

כ׳ווייס נישט, ווי לאַנג דער שלאַקסרעגן האָט געדויערט. לעסאָף האָט אויבן אַ בליץ געטון. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער רעגן האָט אויפגעהערט אין ס׳פאַלן בלויז די לעצטע טראָפּנס.

די צווײַגן זענען געווען גליטשיק און איך האָב מוירע גע־האַט צו קריכן העכער.

די לעוואָנע איז פאַרגאַנגען, און די דזשונגלען זענען פול געוואָרן מיט קוילעס. מען האָט געהערט, ווי ס׳באַוועגן זיך אונטן כאַיעס. עמעצנס קאָפּיטעס האָבן אונטן געשורשעט אין נאַסן גראָז. דערנאָך זענען די קוילעס ווידער שטיל געוואָרן און איבער די פּײַכטע געוויקסן איז אַדורך אַ כראַפּען, אַ דונערדיק רעווען און אַ הילכיק פאַלן פון אַ שווערן גוף. דער טיגער האָט געפונען זײַן קאָרבן.

דרײַערליי געשרייען האָט אַ טיגער: דער ערשטער—אַ רעווען פון הונגער, פון וואָס די גאַנצע דזשונגל ווערט אויפגעצי־טערט; דער צווייטער — אַ דונערדיק כראַפּען, וואָס מיט אים דערנענטערט ער זיך צום רויב, און דער דריטער—אַ רוף פון ני־צאָכן און טריִומף. דער דאָזיקער רוף מאַכט דעם קאָרבן גליווערן. דער טיגער גיט אַ שפּרונג אין דער לופט און וואַרפט זיך אויפן רויב.

דעם ניצאָכן־געשריי האָב איך דערהערט סאַמע פאַרן באַ־גינען. מען האָט געהערט אַ וואָיען — דאָס האָט דער טיגער

www.libtool.com.cn

געמאָלדן, אַז ער האָט אָפּגעגעסן. די קלענערע כאַיעס האָבן זיך געוואָרפן אויף זײַנע שיראַיִם.

אַלע כאַיעס זענען נאָכן רעגן אַרויס פון זייערע נאָרעס. אין דעם פרימאָרגן איז אין דזשונגל נישט שטיל געווען: יעדער האָט זיך געאײַלט צו שטילן זײַן דאָרשט. ווען ס'איז געוואָרן טאָג, האָב איך דערזען קאַרין. ער איז געשטאַנען אונטער אַ בוים, אין שאָטן פון די בלעטער. איך בין אַראָפּ צו אים און פאַרשטאַנען, אַז קאַרי האָט די נאַכט געפירט אַ מילכאָמע. דער כאַודאַך איז אַראָפּ אויף אַ זײַט, ער איז געווען צעבראָכן. כ'האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַלץ, אָבער ווען כ'בין אַרויף אויף קאַריס רוקן, האָב איך דערזען בײַ אים אויפן קאָפּ אַ ווונד — אַ שפור פון אַ שווערן געראַנגל.

— ווער האָט געזיגט, קאַרי? — האָב איך געפרעגט מײַן פרײַנד.

ער האָט שטאָלץ אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ. כ'האָב אים מויכל געווען דעם צעבראָכענעם כאַודאַך, האַגאַם איך וועל דערפאַר באַצאָלן מיט מײַנע זײַטן: דער כאַודאַך איז נישט געווען אונדזער, ער איז געווען דעם אַלטן מאַהאַטמאַס.

קאָפּי איז געווען צופרידן פון זונאויפגאַנג; זי האָט אָנגעשטעלט די פײַכטע הויט און זיך געצערטלט, זיצנדיק בײַ מיר אויפן אַקסל. כ'האָב פאָרגעלייגט קאַרין צו עסן. אָבער ער האָט מיך עפּעס ווי נישט פאַרשטאַנען. ער האָט זיך געאײַלט אַהיים אין דאָרף.

www.libtool.com.cn

## 6. דער גע̇יעג אויף אַ טיגער

דעם זומער האָט אין אונדזער דאָרף זיך באַוויזן אַ טיגער. איין מאָל בײַ נאַכט האָט ער דערהאַרגעט צוויי בופלאָקסן... דערנאָך האָט ער אונדז באַזוכט אָפטער. אַ מאָל בײַ עמעצן פאַרצוקט אַ בעהיימע, ביז ער האָט צעביסן אַ פאַסטוך.

אונדזער הויז איז געשטאַנען בײַם ראַנד פון דזשונגל. דאָס פענצטערל איז געווען אַ קליינס מיט אײַזערנע קראַטערס. אַדורכקריכן וואָלט געקענט סײַדן אַ מוק אָדער אַ פליג. אַ מאָל פאַר נאַכט בין איך געזעסן בײַם פענצטער און פלוצלונג דערהערט אַ געשריי פון אַ שאַקאַל, וואָס לויפט שטענדיק פאַר אַ טיגער און גיט צו וויסן וועגן אָנקום פון דעם פאַרצוקער. אין דער דעמערונג האָט זיך דורכגעגליטשט דעם שאַקאַלס שאָטן און איך האָב דערפילט דעם רייעך פון אַ טיגער.

אַ ריזיקע טונקעלע געשטאַלט האָט זיך אָפגעשטעלט פאַרן פענצטער. דער טיגער איז צוגעגאַנגען האַרט צום פענצטער. ווידער האָט ערגעץ אויפגעיאָמערט דער שאַקאַל. איך האָב אָנגעריבן אַ שוועבעלע, נישט קעדיי צו פאַרטרײַבן דעם טיגער, נאָר בלויז צו צעטרײַבן די פינצטערניש. אָבער קוים האָט דער טיגער דערזען פײַער, איז ער אָפגעשפרונגען און פאַרשוווּנדן.

דערנאָך האָט ער זיך שוין דערוועגט צו קומען אין דאָרף אין מיטן העלן טאָג.

מיר זענען געווען שוצלאָז. די ענגלישע מאַכט האָט אונדז נישט דערלויבט צו טראָגן געווער. אויב אַ טיגער באַווײַזט זיך אין אַ דאָרף, דאַרף מען צו וויסן טון דער מאַכט. אַזוי האָבן מיר אויך

www.libtool.com.cn

געטון, און אין גיכן איז אַראָפּגעקומען אַ רויטפּאָנעמדיקער ענגלענדער מיט ביקסן אין לעדערנע שיידלען. ער האָט דערקלערט, אַז ער וועט באַצאָלן צו צוויי רופּי יעדן, וואָס וועט אַרויס מיט אים אויף געיעג מיט אַן אייגענעם העלפאַנט.

די מאַמע האָט מיך נישט געוואָלט לאָזן, אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט:

— זאָל ער פאָרן. דער יינגל איז אַ פלינקער, און קאַרי איז אויך נישט קיין מעלופום-קינד.

— ער איז נאָך קליין, בעסער וועל איך פאָרן — האָט געזאָגט דער ברודער, אָבער איך האָב זיך צעלאַכט: קאַרי האָט געפאָלגט נאָר זיין באַלעבאָס, און זיין באַלעבאָס בין געווען איך. נאָך דער רייזע קיין בענאַרעס בין איך געווען זיכער, אַז קאַרי וועט זיך נישט דערשרעקן ביים באַגעגענען אַ טיגער. אָבער דער ענגלענדער האָט באַשלאָסן אויסצופּרוּוון, צי דער העלפאַנט טויג צו געיעג. מיר זענען אַרויסגעפאָרן אין וואַלד אַריין. דער סאַהיב האָט עטלעכע מאָל אויסגעשאָסן און דערהאַרגעט צוויי פייגל. קאַרי האָט אַפילע קיין ציטער נישט געטון.

— מאָרגן פאָרן מיר אויף געיעג — האָט דער סאַהיב דערקלערט.

פיר פאַר טאָג זענען מיר אַרויסגעפאָרן פון דאָרף. איך בין געזעסן ביים סאַמע האַלדז פון העלפאַנט, דער סאַהיב — אין גייעם כאַודאַך, וואָס דער טאַטע האָט צונויפגעקלאַפּט פאַר אים פון ברעטער.

מיר זענען אַריבער דעם טייך צו פוס און אַריין טיפער אין וואַלד. די אונטערטרייבערס זענען אַוועק פאָרויס, קעדיי פון אַלע זייטן איבערצושרעקן די דזשונגל. נאָך צוויי שאָ פאָרן צווישן ביימער און ביימלעך זענען מיר אָנגעקומען אויף אַ פרייַ אָרט. די אונטערטרייבערס האָבן געדאַרפט פאַריאָגן דעם טיגער אַהער אויף דער פּאָליאַנע. קאַרי האָט אָפּגעריסן צווייגלעך, אַרומגעגעסן די בלעטער און אַוועקגעוואָרפן. דער סאַהיב האָט געקענט רעדן

www.libtool.com.cn

נאָר אויף זײַן שפּראַך — ענגליש. איך האָב דאַן קיין ענגליש וואָרט נישט פֿאַרשטאַנען, אַזוי אַז מיר האָבן זיך פֿאַרשטענדיקט בלויז מיט זשעסטן, און מער געשוויגן.

צו ערשט זענען דורכגעלאָפֿן אַנטילאָפּעס. זיי האָבן זיך דורכגעטראָגן דורך דעם דימענטענעם גרינס און פֿאַרשוווּנדן. אַ ווײַל איז געווען שטיל און דערנאָך האָט זיך דערהערט אַ כרוקען און כראַפּען פֿון נאָזהאָרן. ער האָט ווי געווייגלעך זיך דורכגעטראָגן גלײַך, פֿאַרניכטנדיק אַלץ וואָס ער האָט געטראָפֿן אויפֿן וועג. נאָך זיי האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון וואַלד אַ ווילדער כאַזער, לאַסקעס און ווילדע קעץ האָבן אויסגעמיטן די פּאָליאַנע און באַהאַלטן זיך הינטערן פֿאָרהאַנג פֿון בלעטער און גרעזער.

לעסאָף האָט זיך צו אונדז דערטראָגן אַן אויסגעצויגן און ווילד געוואָי. דער סאַהיב האָט פֿאַרוואָרפֿן די ביקס אויפֿן אַקסל און געגרייט זיך צום קאַמף. דער ווילדער געוואָי האָט זיך ווידער אַרויסגעריסן פֿון דזשונגל, דאָס מאָל נאָענט פֿון אונדז. דער גערויש פֿון די אָנטרײַבערס האָט זיך דערנענטערט, אָבער דאָס רעווען פֿון אָנקומענדיקן טיגער האָט אַלץ פֿאַרטויבט. מיט איין שפּרונג איז ער אַרויס אויף דער פּאָליאַנע און באַלד זיך צוריקגעצויגן. מיר האָבן געזען, ווי ער איז איבערגעגאַנגען פֿון קוסט צו קוסט. ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, זענען זײַנע הינטערשטע פּיס געווען אַנטקעגן אונדז. די דזשונגל האָט אירע געזעצן פֿון געיעג. אַ סוינע דערהאַרגעט מען פֿאָנעם על פּאָנעם. אָבער דער סאַהיב האָט אויסגעשאָסן אָן שום וואָרעניש. דער טיגער איז ווי אַ פּרוזשינע אונטערגעשפּרונגען און מיט רעווען אַנידערגעפֿאַלן צו פֿוסנס פֿון העלפֿאַנט. קאַרי האָט זיך צוריקגעצויגן און אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים. דער סאַהיב האָט נישט געקענט נאָך אַ מאָל שיסן: מײַן קאָפּ האָט אים געשטערט — ער האָט געמוזט וואַרטן. איין שפּרונג, און דער טיגער הענגט שוין אויפֿן העלפֿאַנטס זײַט, אַזוי נאָענט פֿון כאַודאַך, אַז דער סאַהיב האָט נישט געקענט אויסציִען די ביקס.

www.libtool.com.cn

— דו ביסט אַ ברודער פון אַ כאַזער, — האָב איך אויסגע־זידלט דעם סאַהיב — פאַר וואָס האָסטו אים פריִער נישט גע־וואָרנט? ווער שיסט אַ טיגער אין הינטערשטן פוס?

דער סאַהיב איז געוואָרן בלוי פון שרעק. ער האָט גע־דריקט די ביקס אין האַנט, קוקנדיק ווי דער טיגער דערקלײַבט זיך צום כאַודאַך. קאַרי האָט זיך געטרייסלט מיטן גאַנצן גוף, אָבער ער האָט נישט געקענט אַראָפּטרייסלען דעם טיגער. ער האָט געטרובעט פון ווייטיק, מאַכמעס דעם טיגערס נעגל האָבן זיך אים אײַנגעשניטן אין לײַב. ער האָט הויך אויפגעהויבן די נאָז, זיך פאַרמאָסטן און מיטן הינטן אָנגעשלאָגן אָן אַ בוים. דער טיגער איז נישט אָפּגעטרעטן. וואָס נענטער דעם טיגערס לאַפּע איז גע־קומען, אַלץ ווײַטער האָט דער סאַהיב זיך אויסגעצויגן איבערן ראַנד פון כאַודאַך... ער האָט זיך פאַרשטעקט אין אַ ווינקל און געקענט שוין אויפהייבן די ביקס. כ׳האָב געזען, ווי דעם טיגערס אויגן זענען געוואָרן רויט, דערנאָך געל. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שרעקלעך כראַפּען — אַ צייכן, אַז דער טיגער איז זיכער אין זײַן ניצחון. דער ענגלענדער האָט זיך אָבער נישט גערירט. דעמאָלט האָב איך געגעבן קאַרין דעם „האַרס רוף״.

דער העלפאַנט האָט זיך אַ ריס געטון פאָרויס, אַרומגע־וויקלט מיט דער נאָז אַ גראָבע צווײַג און מיט אַ טראַסק אָפּגע־בראָכן אים.

דער טיגער האָט אויף דעם ליאַרעם זיך אומגעדרייט און זיך געטראָפן מיט די אויגן מיט מיר. ער האָט זיך געוואַקלט, צי ער זאָל זיך וואַרפן אויף מיר, אָדער בלײַבן בײַם פריִערדיקן קאָרבן. איך בין פאַרגליווערט געוואָרן פון שרעק, אָבער געדענקט: ווען דער שרעק זיגן איבער מיר, וועל איך שטאַרבן. און איך האָב זיך נישט געלאָזט.

פלוצלונג האָט דער ענגלענדער אויפגעהויבן זײַן ביקס און זיך אָנגעצילט. דעמאָלט האָב איך דעם טיגער דערלאַנגט מיט אַ שטעקן איבער דער לאַפּע. ער האָט אויסגעצויגן די לאַפּע און

www.libtool.com.cn



איך האָב דערלאַנגט דעם טיגער איבער דער לאַפּע...

www.libtool.com.cn

אָפּגעריסן דאָס טיכל אויף מײַנע לענדן. כ׳בין געווען גליקלעך, ווען כ׳האָב דערהערט דאָס טיכל זיך רײַסן: די נעגל האָבן נישט אָנגערירט מײַן לײַב. אין דעם מאָמענט האָט דער ענגלענדער אַרײַנגעשטעקט זײַן ביקס דעם טיגער אין אויער אַרײַן. איך געדענק נישט מער ווי — הייס בלוט, וואָס האָט אויף מיר אַ שפּריץ געטון אין פּאָנעם. קאַרי האָט זיך אַ ריס געטון און געלאָזט לויפן. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ערשט אין וואַלד.

דער העלפאַנט האָט געהאַט בלויז אַ צעקראַצטע זײַט. ווען די אונטערטרײַבערס זענען צוגעקומען, האָב איך זיי באַפוילן אים העלפן זיך צו זעצן אויף די קני. מיר זענען ביידע אַראָפּ אויף דער ערד. דער ענגלענדער איז אַוועק קוקן, ווי גרויס ס׳איז געווען דער טיגער, און איך מיט קאַרין זענען אַוועק זוכן מײַן פאַרלוירענעם שטעקן. ביזן זונפאַרגאַנג האָט מען פון טיגער אָפּגעשונדן די הויט. דער טיגער האָט געהאַלטן דרײַ מעטער די לענג.

www.libtool.com.cn

## 7. אַ שרעקלעכער גאַסט.

דער סאַהיב האָט אַרײַנגעלייגט זײַנע ביקסן אין די שיידלען, צונויפגעצויגן מיט רימענס די פעל פון געהאַרגעטן טיגער און איז אַוועקגעפאָרן. אונדזער דאָרף האָט זיך געפרייט. די קינדער זענען זיך צעלאָפן איבער די שטויביקע וועגן. די אונטערגייענדיקע זון האָט אָנגעצונדן מיט פורפור די ווײַסע ווענט פון אונדזער הויז. איך בין געזעסן אויפן פלויט פון הויז און געשפילט זיך מיט די שטרויעלעך פון דאַך. אַרויסגעריסן זיי און געוואָרפן זיי אין קאָפּ אַרײַן דער קו, וואָס האָט געוואַרט אויפן מעלקן.

די מאַמע איז אַרויס פון שטוב מיט אַ ליימען קריגל אויף מילך.

— הער אויף, גאַזלען! ווייניק לעכער איז דאָ אין דאַך? סײַ ווי, אַז ס'וועט רעגענען — וועט זיך גיסן אויפן קאָפּ.

איך האָב זיך צעלאַכט און איבערגעריסן די שפּיל. איך בין איצט געזעסן שטיל און געקוקט הינטערן העלפאַנטס שטאַל, ווו ס'האָט זיך געזען די אָראַנזשענע גלאַטיקייט פון טײַך און די העלגרינע דזשונגלען. ווײַט, בײַם אויסבייג פון טײַך, איז עפּעס אַ כאַיע אַרויס פון וואַלד און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ היגל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז אַ פּאַנטערע. כ'האָב צוגעלייגט די האַנט צו די אויגן און אויסגערופן:

— אַ טיגער, אַ טיגער! —און די גאַנצע גאַס איז באַלד ליידיק געוואָרן. די מאַמע האָט אַרויסגעלאַזט דאָס קריגל פון האַנט קיינער האָט נישט געוואָלט גלייבן. אַלע האָבן מיט די

www.libtool.com.cn

אייגענע אויגן געזען, ווי דער סאַהיב האָט אַוועקגעפירט די גע־שטרײַפּטע פעל. קיינעם האָט נישט געקענט אײַנפאַלן, אַז מיר האָבן צוויי טיגערס גענומען פאַר איינעם.

אין אָוונט זענען אַלע טירן אין דאָרף געווען פאַרהאַקט, און די מענטשן זענען נישט אַוועק פון די פענצטער־קראַטעס. ווידער האָט זיך דערהערט דאָס הונגעריקע רעווען פון פאַרצוקער, און באַלד איז די לופט געוואָרן פול מיטן רייעך פון שרעק. דער דאָזיקער רייעך האָט זיך געטראָגן פון שטאַל, וואָס אין אים זע־נען געשטאַנען אונדזערע קי און ציגן. די בעהיימעס האָט באַ־שלאָגן אַ שווייס, און דער רייעך פון שווייס האָט אַרויסגעדרונ־גען דורך די דינע ווענטלעך פון שטאַל.

נאָר אָט האָט דער ווינט אַ בלאָז געטון פון דער זײַט, וואָס פון דאָרט האָט געשפּאַנט דער טיגער. מיר האָבן דערפילט אַ נײַעם רייעך, אַ שווערן און שאַרפן.

אין גיכן, ווי נאָר די לעוואָנע איז אַרויס, האָבן מיר דערזען אַ גרויסן שוואַרצן שאָטן. דער טיגער האָט זיך דורכגעשפּאַצירט אי־בערן דאָרף אַהין און צוריק. זײַנע אויגן האָבן אין דער פינצטער ניט געגלאַנצט אַ מאָל ווי בריליאַנטן אַ מאָל ווי רובינען.

מיר האָבן געגעבן צו וויסן אין שטאָט, אַז דער סאַהיב זאָל ווידער קומען. ס'זענען אַריבער צוויי וואָכן און ער האָט זיך נישט געוויזן.

דעמאָלט האָבן די מענער גערופן אַ פאַרזאַמלונג און באַ־שלאָסן מיט אייגענע קויכעס צו דערהאַרגענען דעם טיגער.

אונדזער הויז איז געשטאַנען בײַם עק דאָרף. אויפן וועג אין דאָרף אַרײַן האָט דער טיגער אונדז נישט געקענט אויסמײַדן, און אָט האָבן זיך אין אָוונט פאַרזאַמלט בײַ אונדז אַ מאַן צוואַנציק מיט לאַנגע שפּיזן.

דער טיגער איז געקומען נאָך בײַ טאָגליכט. ווער ס'האָט גע־זען אַ טיגער אין אַ שטײַג אין זאָאָלאָגישן גאָרטן, האַלט, אַז זײַן פעל איז באַדעקט מיט שוואַרצע און געלע שטרײַפן. אָבער אויף

www.libtool.com.cn

אַן אָפּן אָרט, איז דעם טיגערס פּעל יעדע ווײַל אַן אַנדערע. איצט איז זי אַ פּורפּורענע; יאָ, דער טיגער איז געווען אַ פּורפּורנער, ווי די לופט אין דעם אָוונט.

אונדזער הויז, דער פּישטאָל און קאַריס שטאַל זענען געווען אַרומגענומען מיט אַ וואַנט פון דרײַ מעטער די הייך. אין דער וואַנט זענען געווען צוויי טירן: איינע פאַרן פּי, די צווייטע פאַר אונדז. ווען דער טיגער איז צוגעקומען גאָר נאָענט, זענען פון ביידע טירן אַרויסגעשפּרונגען מענטשן: צען פון איין זײַט הויז, צען פון דער אַנדערער. איך האָב אַלץ געזען דורכן פענצטער. דער טיגער האָט קוידעם קאָל באַמערקט די מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן פראָנט. ער איז צוגעפאַלן צו דער ערד, קעדיי אַ שפּרונג צו טון, און די מענטשן זענען נישט געוואָרן.

דער טיגער האָט זיך אומגעדרייט און געוואָרפן זיך אויף דער אַנדערער גרופּע מענטשן. זיי זענען געוואָרן פאַרגליווערט פון שרעק און זיך נישט גערירט. קיינער האָט זיך נישט דער־וועגט צו שיסן. אַנטלויפן איז געווען צו שפּעט: דער טיגער איז צוגעגאַנגען שוין צו נאָענט, פּאַמעלעך, נישט אַראָפּלאָזנדיק דאָס אויג פון דער שרעקלעכער כאַיע, האָבן די מענטשן גענומען אָפּ־טרעטן. און אַזוי, נישט אומדרייענדיק זיך, זענען זיי אַרײַן אין הויף און פאַרמאַכט דאָס טויער.

מיר האָבן נאָר באַוויזן אַרײַן אין הויף, איז דער טיגער אַריבער די הויכע מויער. די ציגן האָבן זיך צעמעקעט אין שטאַל, די קו האָט געמוקעט, קאַרי האָט געטרובעט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קראַך. די טיר פון שטאַל איז אַרויסגעפאַלן, צעבראָכן פון אַ שווערער לאַפּע. די ציגן זענען אַרויסגעלאָפן אויפן הויף, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שכיטע. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אָפּצושטעלן דעם מערדער.

אויף מאָרגן האָט זיך צונויפגעקליבן דער ראַט. מײַן פאָ־טער האָט געזאָגט:

— וואָלטן מיר געהאַט געווער, וואָלטן מיר באַלד אַוועקגע־

www.libtool.com.cn



די מענטשן האָבן אָפּגעטרעטן...

לייגט די כאַיע, אָבער אַזוי... בלײַבט אונדז איין מיטל. צי האָט עמעצער באַמערקט, פון וועלכער זײַט דער טיגער איז אַריבערגעשפּרונגען איבערן פּלויט?

די שפּורן האָבן דײַטלעך אָנגעוויזן דאָס אָרט. מיר האָבן אַפילע געזען, אַז אַוועקגייענדיק איז דער טיגער אַריבערגעשפּרונגען איבערן זעלביקן אָרט. אַ סאַך כאַיעס קומען און גייען אַוועק שטענדיק מיטן זעלבן וועג, אויב זיי שטעלן פעסט די זיכערקייט פון דעם וועג.

צוויי ציגן און אונדזער איינציקע קו זענען געלעגן צעריסענע

www.libtool.com.cn

אויפן הויף. אַ גאַנצן טאָג האָבן איבער די נעווייליעס זיך געזאַמלט גריפן, מיר האָבן זיי נישט געקענט אָפּטרייַבן.

פאַר נאַכט האָט דער טאַטע אַרייַנגעקלאַפּט פאַרן פּלויט אַ באַמבוסשטאַנג. די שכיינים האָבן אים געהאָלפן אין שטעקן אַרייַנצופירן אַ שפּיציקן אייַזערנעם דראָט. מיר האָבן געהאָפט, אַז דער טיגער וועט, אַוועקגייענדיק פון הויף, אָנשטויסן זיך אויף דעם שפּיץ פון שטאַנג.

אין דער נאַכט איז דער טיגער געקומען שפּעט. ווייַזט אויס, ער איז נאָך געווען זאַט. מיר האָבן בעקיוון נישט אָפּגערוימט די רעשטלעך פון די צעריסענע בעהיימעס, זיי זאָלן צוציִען דעם רויבער. אַרום נייַן אָוונט האָבן מיר דערהערט אַ שטיל וואָיען. דאָס האָט דער טיגער זיך אומגעקערט צו די רעשטלעך פון זייַן סודע און באַפוילן דעם קליינוואַרג אָפּרייניקן דעם וועג פאַר אים.

מיט אַ לייַכטן שפּרונג איז ער אַריבער די מויער. שפּרינגענדיק, האָט ער פאַרטשעפּעט דעם באַמבוס-שטעקן, און יענער האָט אַ ציטער געטון. די נאַכט איז געווען אַ טונקעלע. מיר האָבן קוים דערקענט דעם טיגער, בלויז די פייַערלעך פון זייַנע אויגן האָבן געפינקלט דאָ און דאָרט.

— מען מוז אים הייַנט דערהאַרגענען פאַר יעדן פּרייַז, — האָבן געזאָגט די שכיינים — אַנישט וועט ער אונדז אַלע בעהיימעס פאַרצוקן!

— מען דאַרף אים איבערשרעקן, — האָט געזאָגט דער טאַטע — אַנישט קען ער אַריבערשפּרינגען אין אַן אַנדער אָרט. אויב אונדז וועט געלינגען אים איבערצושרעקן, וועט ער זיך וואָרפן אויפן אַלטן אויסגעפּרוּווטן וועג און אַרויפפאַלן אויפן שטאַנג.

— כ'ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס צו מאַכן, — האָט דער שאָכן געשאָקלט מיטן קאָפּ — כ'הער דאָס ערשטע מאָל, אַז מען זאָל אַ טיגער קענען פאַרטרייַבן פון הויף, ווי אַ הונט.

www.libtool.com.cn

— מיר וועלן פּרווון, אַנישט קען ער אַוועק אַ גאַנצער. איך...

דער טאַטע האָט נישט געענדיקט דעם זאַץ. דער טיגער איז צוגעגאַנגען צום שטאַל. אונדזערע לעצטע ציגן האָבן זיך צע־מעקעט אין טויטשרעק. דערהערנדיק זייער מעקען, האָט דער טאַטע געכאַפּט אַ שטיק טוך, באַגאָסן עס מיט נאַפט, צענויפגע־דרייט אין אַ קנויט און אונטערגעצונדן. דערנאָך האָט ער דעם ברענענדיקן קנויט אַרײַנגעוואָרפן אין הויף. דער טיגער איז מיט אַ געוואַי אָפּגעשפּרונגען. כ׳וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס בילד פון ציטערנדיקן טיגער, זײַנע רויטע און גאָלדענע שטרײַפן אויף דער שוואַרצע פלאַכטע פון דער נאַכט. די פײַערצונגען, האָבן זיך אויפגעהויבן און ס׳האָט זיך געדאַכט, דער טיגער איז צוויי מאָל גרעסער. אַ מינוט שפּעטער האָט ער זיך געוואָרפן אָן אַ זײַט און פאַרשוווּנדן אין דער פינצטערניש. די ציגן זענען מיט אַ מעקען אַרויסגעלאָפן פון שטאַל. איבערגעשראָקן פון פײַער האָט קאַרי געטרובעט. אָבער מיר האָבן גאָר נישט געהערט: מיר האָבן נאָר געוואַרט אויפן לעצטן געוואַי פון טיגער.

ס׳האָט זיך געדאַכט, נישט סעקונדעס נאָר גאַנצע שאָען זענען אַריבער. דער פלאַם איז קלענער געוואָרן, דער באַלויכטע־נער קרײַז האָט זיך אײַנגעשרומפּן. הינטער דעם קרײַז איז גע־ווען אַ כאַשכעס. מיר האָבן נישט געוווּסט, צי די כאַיע וועט אַנט־לויפן, צי זי וועט זיך וואַרפן אויף די ציגן, אָדער גאָר זיך דורכ־לייגן אַ וועג אין אונדזער הויז אַרײַן.

פאַר שרעק האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן. פּלוצלונג האָט די שטילקייט צעריסן אַ יאָמער פון ווייטיק און ווילדקייט. מען האָט געהערט, ווי ס׳וואַרפט זיך דער באַמבוס־שטאַנג.

אַ גאַנצע נאַכט איז מיר אין די אויערן געשטאַנען דאָס וואָיען פון דער כאַיע און דער סקריפּ פון באַמבוס. קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אַרײַנצוקוקן פון דער טיר, ביז ס׳איז טאָג געוואָרן. באַגינען האָבן מיר דערזען, אַז אַן אַדורכגעשטאָכענער

www.libtool.com.cn

פון דעם שלאַנג ליגט דער טיגער אויף דער ערד ווי ער וואָלט געשלאָפן. ער איז געווען טויט און אַ ריזיקע לוזשע בלוט איז געשטאַנען אַרום אים.

— די כאַיע האָט מיך געקאָסט צוויי ציגן און אַ קו, — האָט געזאָגט דער פאָטער. — וואָס וועל איך האָבן פון דער פּרעמיע, וואָס דער באַאַמטער וועט מיר געבן ? קיין קו וועל איך פאַר איר סײַ ווי נישט קענען קויפן.

www.libtool.com.cn

## 8. זאַמדן

איך האָב זיך נישט געקענט דערוואַרטן, ביז מען וועט מיך מיט קאַרין נעמען אויף דעם טאַרטאַק. אָבער דאָ פּלעגט מען אויפנעמען נאָר דערוואַקסענע, גוט דרעסירטע העלפאַנטן. וואַרטנ־דיק אויף דעם, האָבן מיר זיך פּאַרדונגען צו שלעפּן אַ באַרקע אַרויף טײַך. ווי די בורלאַקעס האָבן זיך נישט געמיט, האָבן זיי פּאָרט נישט געקענט גוויוער זײַן דעם שטראָם. איך האָב זיך גע־קליבן צו פאָרן מיט קאַרין אין וואַלד אַרײַן נאָך עסן, קומט פּלוצלונג צו לויפן איינער פון די בורלאַקעס און זאָגט:

— גיכער טרײַב אַהין דײַן העלפאַנט צום טײַך, אַנישט וועלן אונדזערע לײַט גאָר פאַלן פון די קויכעס. איצט האַלטן זיי זיך נאָך, נאָר כ'האָב מוירע, אין אַ קורצער ווײַל אַרום וועט דער שטראָם אויך זיי מיטשלעפּן.

איך האָב באַלד אַרױפגעוואָרפן אויף קאַרין דאָס צײַמל. שלעפּן מאַסעס איז אונדז אויסגעקומען זעלטן, און אין אָנהייב האָט קאַרי צו שטאַרק געדריקט אויפן צײַמל. די אײַזערנע שטריק האָבן געקלונגען, די באַרקע האָט זיך אַ ריס געטון און שיר נישט איבערגעקערט. די מענטשן אויף דער באַרקע האָבן אויפגעהויבן אַ געשריי: זיי האָבן זיך דערשראָקן, אַז דער העלפאַנט וועט דערטרינקען דאָס שיפל.

קאַרי האָט געשלעפּט די באַרקע אַ צוויי הונדערט טריט און זיך אָפּגעשטעלט. דער שטריק האָט נאָכגעלאָזט, אָבער דער שטראָם האָט באַלד אָפּגעשטויסן די באַרקע אויף צוריק, און דער שטריק האָט זיך אָנגעשפּאַנט ווי אַ סטרונע. ווידער האָבן זיך די

www.libtool.com.cn

מענטשן אויף דער באַרקע צעשריגן. אַז מען שלעפּט אַ שיף, טאָר מען נישט רײַסן, מען מוז שלעפּן גלײַכמאָסיק. איך האָב באַפּוילן קאַרין צו גיין פּאַמעלעך. ס׳איז נישט אַריבער קיין שאַ, און דער העלפאַנט האָט פאַרשטאַנען, אין וואָס ס׳גייט, און ער האָט שוין געשלעפּט די באַרקע, ווי אַ דערפאַרענער בורלאַק.

געענדיקט די אַרבעט, האָבן מיר מיט קאַרין זיך געשפּילט אויפן ברעג. דאָ האָט אונדז אויפגעזוכט קאָפּי. צו ערשט האָט זי זיך אַוועקגעזעצט דעם העלפאַנט אויפן האַלדז און אָנגעהויבן אַרומטאַנצן, דערנאָך איז זי אַראָפּגעשפּרונגען אויפן זאַמד און איז אַוועקגעלאָפן איבערן ברעג. קאַרי האָט זיך געלאָזט נאָך איר. זיי האָבן זיך לאַנג אַרומגעשלעפּט איבער די זאַמדן, ביז כ׳האָב נישט אָנגעווירן די ריכטונג. כ׳בין געווען זיכער, אַז די כאַיעס ווייסן וווהין צו לויפן. אָבער די מאַלפּע האָט אונדז פאַרפירט, און קאַרי איז געבליבן שטעקן צווישן זאַמדן. ווי פיל מאָל ער האָט געפּרוווט צו באַפרײַען די פיס, איז ער נאָך טיפער און טיפער אַרײַן אין די זאַמדן. דער אומגליקלעכער האָט זיך אַזוי איבערגעשראָקן, אַז ער האָט געוואָלט אָנכאַפּן קאָפּין מיט דער נאָזי אָבער יענע האָט זיך אַרויסגעדרייט.

איך האָב אַרויסגעשלעפּט אַ מעסער, איבערגעשניטן דעם שטריק, וואָס מיט איז געווען צוגעבונדן דער מאַטראַץ און אים אַראָפּגעוואָרפן פון העלפאַנטס רוקן. קאַרי האָט געטרעטן אויף אים, אָבער ס׳האָט ווייניק געהאָלפן. דער העלפאַנט האָט אומבאַהאַלפן געוואָרפן מיט דער נאָז אין דער לופט און נישט געהאַט אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. פּלוצלונג האָב איך דערזען, ווי זײַן נאָז ציט זיך צו מיר. קאַרי האָט געוואָלט מיך אַראָפּוואַרפן אויף דער ערד און אויף מיר טרעטן! די נאָז האָט איבער מיר זיך געגליטשט ווי אַ שלאַנג. ס׳איז געווען שטיל. די מאַלפּע האָט געקוויטשעט ערגעץ אויף אַ בוים. איך בין אַראָפּגעשפּרונגען פון העלפאַנטס רוקן, געפאַלן אויף דער ערד, אויפגעשטעלט זיך און געלאָזט לויפן. קאַרי האָט געטרובעט און גערופן צו

www.libtool.com.cn

הילף. ער איז שוין אַרײַן אין זאַמד ביז איבער דער ברוסט. זײַנע הינטערשטע פיס זענען ווייניקער אײַנגעזונקען. ער איז געשטאַנען אײַנגעבויגן און דעריבער איז אים געווען שווער אויפצוהייבן זיך.

איך בין געלאָפן אין שטאָט אַרײַן און גערופן מענטשן. ביז וואַנען מיר זענען נישט געקומען צו לויפן, איז שוין קאַרי געווען פאַרשיט ביז איבערן האַלדז. ער האָט הויך אויפגעהויבן די נאָז צו קענען אָטעמען. דאָס איינציקע, וואָס מען האָט געקענט טון, איז געווען — צו צווינגען דעם העלפאַנט זיך אַרויסצושלעפן מיט די אייגענע קויכעס. מיר האָבן צוגעבונדן אַ שטריק צו אַ בוים און צוגעוואָרפן אים אַן עק. ער האָט מיט דער נאָז זיך אָנגעכאַפּט אָן שטריק און גענומען ציִען. דער שטריק האָט זיך אָנגעשפּאַנט און געזונגען ווי אַ טעלעגראַפן־סלופּ, דער בוים האָט געקרעכצט, אָבער דער העלפאַנט האָט זיך קוים פּאָרויסגערוקט און זײַנע הינטערשטע פיס זענען טיפער אַרײַן אין זאַמד.

— רוק אים אונטער ברעטער אונטערן בויך! — האָט עמעצער געזאָגט.

איך מיטן ברודער האָבן אים אַרונטערגערוקט אונטערן בויך צוויי ברייטע ברעטער. קאַרי האָט אויפגעהערט צו זינקען טיפער, אָבער אונטער די פיס האָבן מיר אים נישט געקענט אַרונטעררוקן קיין ברעט, און ער האָט סײַ ווי געמוזט אומקומען. ס׳איז געבליבן נאָך איין מיטל: אײַנצושפּאַנען אין צוים אַן אַנדערן העלפאַנט. אין דאָרף זענען איצט קיין העלפאַנטן נישט געווען — זיי זענען געווען בײַ דער אַרבעט אין די פאַבריקן און אין די האַפנס. אַז ס׳איז טונקל געוואָרן, בין איך געלאָפן אין טאַרטאַק אַרײַן, אָן אָפּרו צוואַנציק קילאָמעטער. אָבער כ׳האָב געקריגן אַ צווייטן העלפאַנט. דאָס איז נישט געווען קיין פּאַשעטער העלפאַנט, ס׳איז געווען קאַריס מוטער.

פאַר זונאויפגאַנג זענען מיר שוין געווען בײַם טײַך.

www.libtool.com.cn

כ׳האָב געטראָפן קאַרין אין דער זעלבער לאַגע, אין וועלכער כ׳האָב אים איבערגעלאָזט. ער האָט זיך שוין נישט געהאַלטן אַן שטריק, אָבער טיפער איז ער שוין נישט געזונקען. מיר האָבן אויסגעבעט דעם זאַמד אַרום אים מיט ברעטער און ער האָט שוין מער נישט געפרוּווט אונדז אָנצוכאַפּן און וואַרפן זיך צו די פיס. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיר ווילן אים אַרויס-ראַטעווען. אויספרווונדיק די פעסטקייט פון די ברעטער, האָבן מיר אָפּגעלאָזט קאַריס מאַמע. זי האָט מיט איר נאָז אַרומגע-וויקלט זײַן האַלדז און אָנגעהויבן שלעפּן. ער האָט זיך צע-כריפּעט: זי האָט אים שיר נישט דערשטיקט.

דעמאָלט איז דער ברודער אַרײַן מיט זײַן כאַווער אין אַ שיפל, צוגעפאָרן צו קאַרין פון דער אַנדערער זײַט טײַך און אַרומגעוויקלט זײַן גוף מיטן שטריק. דעם צווייטן עק פון שטריק האָבן זיי אַרומגעבונדן אַרום דער מוטער. זי האָט אַ צי געטון און איר קוילעך איז געוואָרן אַזאַ גרויסער, אַז קאַריס פאָדער-שטער טייל קערפּער האָט זיך באַפרײַט פון זאַמד. די פיס זע-נען געבליבן הענגען אין דער לופט. זי האָט אים נאָך אַ צי געטון, די שטריק האָט געפּלאַצט און מיט די פאָדערשטע פיס איז קאַרי אַרויפגעפאַלן אויף אַ ברעט. איצט זענען די הינ-טערשטע טיפער פאַרזונקען און אונדז האָט זיך ווידער געדאַכט, אַז ראַטעווען אים איז אוממעגלעך.

אָבער די לאַגע איז שוין נישט געווען אַזאַ שלעכטע. איצט האָט מען אונטערן העלפאַנט לײַכט געקענט אַרונטערציִען אַ נײַעם שטריק. דאָס מאָל האָבן מיר דעם שטריק צענויפגעלייגט אין צווייען און דעם צווייטן שטריק, וואָס איז געווען צוגעבונדן צום בוים, האָבן מיר געגעבן קאַרין, ער זאָל אונדז העלפן ציִען. דער אָרעמער איז געווען אַזוי אָפּגעשוואַכט, אַז איך האָב אים געמוזט שלאָגן מיטן שטעקן. מיט זײַן מוטערס הילף האָט זיך אים אײַנגעגעבן אַרויסצושלעפּן פון זאַמד זײַן ריזיקן גוף, דערנאָך אַוועקצושטעלן אויף די ברעטער איין פוס און אַ צווייטן.

www.libtool.com.cn

## 9. אין טאַרטאַק

12.062

ענדלעך האָבן מיר מיט קאַרין אָנגעהויבן אַרבעטן אין טאַרטאַק. אין עטלעכע טעג האָט ער זיך אויסגעלערנט שלעפן ריזיקע קלעצער, אַזוי ווי ער וואָלט קיין אַנדערע זאַך אין לעבן נישט געטון. ער האָט געשלעפּט שווערע שטאַמען פון וואַלד צום צעשנײַדן. די לײַכטערע האָט ער מיט דער נאָז אויפגעהויבן און אַוועקגעלייגט אין אַ שטויס איינס אויף ס׳אַנדערע. די קלעצער זענען געווען אָנגעלייגט גלײַך ווי אַ ווירע. דער אַלטער העלפאַנט האָט אים דערבײַ געהאָלפן. אויב ס׳האָט זיך געמאַכט אַ קלאָץ, וואָס פאַר קאַרין אַליין איז עס געווען איבער די קויכעס, האָבן זיי מיט צוזאַמענדיקע קויכעס אַרויפגעשלעפּט אים אויף דער פּלאַטפאָרמע.

דעם גרעסטן טייל אַרבעט אין טאַרטאַק האָבן אויסגעפירט עלעקטרישע מאַשינען. די העלפאַנטן האָבן צוגעשטעלט פון וואַלד קלעצער און אַראָפּגעוואָרפן זיי לעבן די מאַשינען. די זעגן האָבן די קלעצער צעזעגט אויף ברעטער, דערנאָך האָבן די העלפאַנטן צונויפגעלייגט די ברעטער. מיט די מעכאַניקער, וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די מאַשינען, האָט קאַרי נישט גוט געלעבט. אויך מיט אונדז, די אָנטרײַבערס, און מיט די העלפאַנטן, זענען זיי זיך באַגאַנגען ווי מיט זייערע שקלאַפן. זיי אַלע האָבן געטרונקען ראָם און געגעסן פלייש. אַ העלפאַנט האָט נישט ליב דעם רייעך פון ווײַן און קען נישט פאַרלײַדן דעם רייעך פון פלייש.

קאַרי פלעגט אויפשטיין האַלב פינף און מיר פלעגן אַוועק צו דער אַרבעט. אַרום מיטאָגצײַט פלעגן מיר גיין זיך באָדן, און איך פלעג אים אַוועקפירן אין שטאַל. אין צוויי שאָ אַרום פלעגט זיך אָנהייבן די אַרבעט. אין אָוונט פלעג איך אים ווידער אָנבינדן אין שטאַל און אַליין זיך לייגן אין דרויסן אין אַ האַמאַק.

www.libtool.com.cn

איין מאָל בײַ נאַכט הער איך — קאַרי טרובעט פון אַלע קויכעס. איך שפּרינג אַרויס און לויף צו אים אין שטאַל אַרײַן. כ׳גיב אַ קוק — צוויי שיקערע מעכאַניקערס שפּילן זיך: זיי צינדן אָן שוועבעלעך און וואַרפן זיי אויפן העלפאַנט. קאַרי האָט מוירע פאַר פײַער, אַזוי ווי יעדע כאַיע. אין זײַן שטים האָט זיך געהערט שרעק און ווילדקייט.

— הערט אויף, צו פּײַניקן דעם העלפאַנט, ער וועט עס אײַך נישט שענקען! — האָב איך אויסגערופן. אָבער די שיקערע מעכאַניקער האָבן מיך אַוועקגעטריבן און זיך ווײַטער געשפּילט. זעענדיק, אַז איך וועל מײַן פרײַנד נישט קענען העלפן, האָב איך אים אויפגעבונדן די שטריק און געלאָזט צוגעבונדן בלויז איין פוס. כ׳האָב מוירע געהאַט, דער שטאַל זאָל זיך נישט אָנצינדן פון די שיקורימס שפּאַסן. דאָך איז די נאַכט אַריבער רויִק.

ס׳זענען אַריבער עטלעכע טעג. איך האָב געענדיקט די אַרבעט, צוגעבונדן קאַרין אין שטאַל און געלייגט זיך אין האַמאַק. שפּעט בײַ נאַכט האָט מיך ווידער אויפגעוועקט דעם העלפאַנטס טרובען — אַ יאָמער פון צווייפל און צאָרן. די אויסוואורפן האָבן זיך ווידער גענומען צו זייערע פריִערדיקע שפּילן. זיי זענען שיקערערהייט געגאַנגען פון העלפאַנט צו העלפאַנט און גערייצט די פּערמאַטערטע כאַיעס. מיט שרעק האָב איך אָנגעקוקט קאַריס שטאַל. ער איז געווען באַדעקט מיט אַ שטרויענעם דאַך, די ווענט זענען געווען אָפּגעשמירט מיט ליים און אויפן דיל איז אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער באַרג פון טרוקענע צווײַגן. איך האָב נישט געוואָלט רעדן מיט די שיקערע ענגלענדער. אַ דין שטראָמעלע רויך האָט זיך שוין געהויבן פון די בלעטער.

„קאַרי וועט פאַרברענט ווערן!" — האָב איך געטראַכט־ געוואָרפן זיך אין שטאַל און אויפגעלייזט די קייטן.

קאַרי האָט מיט אַלע קויכעס זיך אַ ריס געטון, א׳מגעשלײַדערט זײַנע פּײַניקערס און אין איין רעגע זיי צעקוועטשט אויף אַ מאַסע. דערנאָך האָט ער זיך צעטרובעט און געלאָזט זיך מיט אַן אויפגעהויבענער נאָז איבערן לאַגער. אַזוי ווילד האָב איך אים

www.libtool.com.cn

נאָך קיין מאָל נישט געזען. איך בין אַרויף אויף אַ הויכן באַנאַנבוים, אויסגעצויגן זיך אויף אַ צווײַג און געקוקט.

צו ערשט האָט דער העלפאַנט זיך געוואָרפן אויפן אויטאָמאָביל, וואָס איז געשטאַנען לעבן דעם שטאַל — דאָס איז געווען דעם עלטסטן מעכאַניקערס אויטאָמאָביל. ער האָט פון דעם אויטאָ געמאַכט אַ קאַשע פון צעבויגענעם שטאָל און בלעך, ווי די מאַשין וואָלט געווען פון פאַפיר. דערנאָך האָט ער דערזען דעם עלטסטן מעכאַניקער מיט נאָך צוויי מענטשן. קאַרי האָט זיך געלאָזט צו זיי, אָבער זיי האָבן געוווּסט, וואָס ס׳הייסט צו האָבן צו טון מיט אַ ווילד געוואָרענעם העלפאַנט, און האָבן זיך באַהאַלטן אין הויז. קאַרי האָט מיט דער נאָז אַראָפּגעריסן אַ טייל פון שטרויענעם דאַך פון בונגאַלאָ, אויסגעדרייט זיך און געוואָרפן זיך אויף די צוויי נײַע וואָגנס, וואָס זענען געשטאַנען פאַרן טויער פון הויז. ער האָט זיי צעבראָכן אויף שטיקער. אַן אָקס האָט זיך רויִק געפאַשעט אויף דער לאָנקע, קאַרי האָט אים אָנגעכאַפּט און אַרומגעוויקלט זײַן האַלדז מיט דער נאָז... דער אָקס איז געפאַלן אַ טויטער. און אין אַ מינוט אַרום איז קאַרי פאַרשוווּנדן פון די אויגן.

צוויי וואָכן האָט מען אים נישט געזען און נישט געהערט. כ׳האָב געוואַרט, ער זאָל זיך אומקערן צו מיר, אָבער כ׳האָב זיך נישט דערוואַרט. ווײַזט אויס, די אויסוווּרפן האָבן אים דערפירט ביז מעשוגאַס. ער איז אַנטלאָפן אין דזשונגל אַרײַן און פאַרקראָכן טיף אין וואַלד, אַזוי, אַז ער האָט זיך מער נישט אומגעקערט. ווען דאָס מעשוגאַס לאָזט נאָך בײַ אַ העלפאַנט, קען ער קיין מאָל נישט געדענקען, מיט וועלכע וועגן ער איז געגאַנגען אין צושטאַנד פון זײַן אומבאַוווּסטזיניקייט.

און מעגלעך, אַז נאָך דער שרעקלעכער באַליידיקונג, וואָס מענטשן זענען קעגן אים באַגאַנגען, האָט ער מער נישט געוואָלט אַוועקוואַרפן זײַנע היימישע פרײַע וועלדער...

www.libtool.com.cn



...ער האָט זיך געלאָזט מיט אַן איפּגעהויבענער נאָז
איבערן וואַלד.

www.libtool.com.cn

## 10. דאָס נײַע לעבן

אויסער זיך פון אַגמעס־נעפעש בין איך אַוועק אַהיים זעקס יאָר האָב איך פאַרבראַכט צוזאַמען מיט קאַרין, איז מיר איצט געווען זייער שווער צו פאַרלירן אים. אָבער ווען איך בין געקומען אַהיים, האָט מיך דערוואַרט אַ נײַ אומגליק. די מאַמע איז אין דער צײַט פון מײַן אָפּוועזנהייט שווער קראַנק געוואָרן. זי האָט זיך געוואָרפן אין היץ, און איך בין נישט אָפּגעטרעטן פון איר בעט. כ׳האָב איצט קיין קאָפּ נישט געהאַט צום העלפאַנט.

די מאַמע איז מער פון בעט נישט אַראָפּ. אין אַ פינצטערן רעגנדיקן טאָג האָט זי זיך געזעגנט מיט מיר און דעם טאַטן און איז געשטאָרבן.

פריִער פלעג איך שטענדיק זיך שרעקן פאַרן טאַטן, אָבער אין דער צײַט פון דער מאַמעס קראַנקייט בין איך שטאַרק אויסגעוואַקסן און געפילט זיך ווי אַ גאַנצער מאַנצביל. דער טאַטע האָט אויך גערעדט מיט מיר ווי מיט אַ ייִנגערן כאַווער, און מיר האָבן זיך ביידע באַמיט איינער דעם אַנדערן צו פאַרלײַכטער(ן) דעם שווערן קלאַפּ. דער ברודער איז שוין לאַנג נישט געווען מיט אונדז: אים האָט מען גענומען אין מיליטער אַרײַן און פאַרטריבן ערגעץ ווײַט, דאַכט זיך, אויף דער גרע־נעץ פון אַפגאַניסטאַן.

— דו ווייסט. כאַרי — האָט צו מיר געזאָגט דער טאַטע איין מאָל, ווען מיר זענען געזעסן צוזאַמען אין אויסגעליי־דיקטן הויז און צוגעהערט, ווי אויפן דאָרף לאָזט זיך אַראָפּ די אָוונטיקע שטילקייט — דו ווייסט׳ כאַרי, איך וועל מער נישט קענען זיך גוט פילן, ווי לאַנג מיר וועלן וווינען אין דעם הויז. דעם העלפאַנט האָבן מיר נישט, די קו אויך נישט. דאָס פעלד וועט אונדז נישט געבן גענוג אויף צו דערנערן זיך.

www.libtool.com.cn

וואָס האַלט אונדז דאָ צו? איך בין אַ מאָל געווען אַ גוטער יעגער און כ׳בין נאָך איצט אויך גענוג געזונט און גרייט אויף אַלע שטערונגען. מיר מוזן ענדערן אונדזער שטייגער פון לעבן. כ׳וועל פאַרקויפן דאָס הויז, מיר וועלן זיך אויפבויען אַ ביידל אין דזשונגל און וועלן ווערן יעגער.

איך בין געווען אַנטציקט פון דעם געדאַנק. צו מאָרגנס איז דער טאַטע אַוועק קיין טאַמראַ־פורני, די הויפּטשטאָט פון דעם ראַדזשאַ פאַראַקראַמאַס פּראָווינץ. דאָרט, אין דער האַנדלס־קאַנטאָר, האָט ער אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, וואָס לויט אים האָט ער זיך מיסכאַיעוו געווען אַלע פעלן פון די כאַיעס, וואָס ער וועט דערהאַרגענען, צו פאַרקויפן די אַגענטן פון דער קאַנטאָר. די קאַנטאָר האָט פאַר דעם אַרויסגעגעבן דעם טאַטן אַ דערלויבעניש צו טראָגן געווער, אַ גוטע יעגערביקס און די נייטיקע קוילן.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער יעגער־לעבן.

אַ געוויסע צייט האָבן מיר נאָך ווייטער געלעבט אין אונדזער אַלטן הויז און יעדן פרימאָרגן אַריבער דעם טייך, און צום אָוונט געקומען אַהיים; אָבער דערנאָך האָט דער טאַטע פאַרקויפט דאָס אַלטע הויז, און מיר האָבן זיך אויפגעבויט אַ ביידל מיט אַ שטרויענעם דאַך אויפן צווייטן ברעג טייך, ביים סאַמע ראַנד פון וואַלד. מיר האָבן נאָך אויך אויפגעקלאַפּט אַ פּליט אויף אַריבערציפּאָרן אין דאָרף אַריין.

מיר האָבן געלעבט אין וואַלד, געשאָסן כאַיעס, געפאַנגען פיש. פון צייט צו צייט האָבן מיר די פעלן פאַרקויפט אין קאַנטאָר, איינגעהאַנדלט זיך רייז, פּראָכן און קוילן. אין דער רעגנצייט האָבן מיר זיך באַמיט נישט אַרויסצוגיין פון ביידל, אָבער מיר זענען דאָרט נישט געווען אַליין. די מאַלפּעס זענען דערגאַנגען וועגן אונדזער באַהעלטעניש. דאָ איז זיי געפעלן געוואָרן און זיי האָבן גענומען צו אונדז קומען יעדע נאַכט. אויף די שפּיץ ביימער איז זיי געווען ביטער בעשאַס די שלאַקס־רעגנס און צו שלאָפן אויף דער ערד האָבן זיי מוירע געהאַט. צו פיל פיינט האָבן זיי דאָ געהאַט אַרום זיך. און אָט האָבן

www.libtool.com.cn

זיי בײַ נאַכט דורכגעשטעקט דורך די שפּאַרעס זייערע דינע הענטלעך, אָפּגערוקט דעם ריגל און זיך צעלייגט דאָ ווי בײַ זיך אין דער היים.

דאָס ערשטע מאָל בין איך פון זייער קומען געוואָרן דערשראָקן. דאָס איז געשען אין סאַמע אָנהייב פון די רעגנס. איך בין אַרויס צוהעלפן דעם טאַטן אַריבערצושלעפן פון פּליט די פּאַרגרייטן פון עסנוואַרג, וואָס ער האָט דאָס מאָל געבראַכט מער ווי געוויינלעך. דער שטראָם איז מיט יעדן טאָג געוואָרן רײַסנדיקער. אַריבערשיפן זיך איבערן טײַך איז שוין געווען געפערלעך און שווער. צוריק וועגס האָב איך איבערגעיאָגט דעם טאַטן. כ׳האָב צעעפנט די טיר און דערזען, אַז דער צימער איז פול מיט קליינינקע גרויע פיגורלעך. מיט אַ געשריי בין איך אַ־ויסגעשפּרונגען פון דער טיר, און דער טאַטע האָט זיך צעלאַכט.

— האָב נישט מוירע, נאַרעלע, - האָט ער געכויזקט — דער מאַלפּעשער שייוועט האָט זיך דאָ באַהאַלטן בײַ אונדז פאַרן רעגן.



...דער צימער איז פול מיט גרויע פיגורלעך.

www.libtool.com.cn

מיר זענען אַרײַנגעגאַנגען. די מאַלפּעס האָבן זיך אויף אונדז צו מאָל נישט אומגעקוקט, זיי זענען געזעסן, אַ צוואָנציק שטיק, אין איין ריי און געקוקט אויפן פײַער פון שײַטער און גע־פינטלט מיט די אויגן פון העלן פלאַם. איינע פון זיי האָט גע־האַלטן אַ קליינס בײַ דער ברוסט און געגעבן דעם צו זייגן, אַזוי ווי די באַלעבאָסטע פון דער שטוב. דערנאָך, ווי נאָר ס׳פלעגט פינצ־טער ווערן אין דרויסן, פלעגן זיי באַלד זיך דאָ אײַנגעפינען, נישט רעכענענדיק זיך לעגאַמרע מיט אונדז. אונדז איז געווען אַ שאָד זיי אַרויסצוטרײַבן. דערנאָך האָבן מיר זיך איבערגעצײַגט, אַז קיין שאָדן ברענגען זיי אונדז נישט, פאַרקערט זיי ברענגען נאָך נוצן. זיי האָבן געהיטן דעם בײַדל נישט ערגער פון הינט. קוים האָט זיך דערנענטערט אַ כאַיע, האָבן אונדזערע פרײַנד אויפגעהויבן אַזאַ ליאַרעם, אַז מען האָט נישט געקענט נישט איבערוועקן זיך. בײַ טאָג פלעגן צו אונדז אָפּט אַרײַנקומען וועווערקעס, שטשירענ־דיק די ציין אויף אונדזערע ניס.

די רעגנס האָבן געגאָסן בײַ טאָג און בײַ נאַכט. דער טײַך איז געוואָרן אַ סאַך טיפער ווי פריִער, ס׳האָבן זיך אין אים באַ־וויזן קראָקאָדילן און מיר האָבן מוירע געהאַט צו באַנוצן זיך מיטן פּליט. אָט ווי אַזוי איך בין געוואָר געוואָרן, אַז ס׳זענען גע־קומען קראָקאָדילן.

איין מאָל אין דער פרי בין איך געשטאַנען און געקוקט, ווי אַ מאַלפּע טרינקט וואַסער פון טײַך. פּל:צלונג איז זי פאַר־שווונדן אונטערן טײַך און איך האָב געזען, ווי עפּעס שלעפּט זי אַרײַן פאַרן הענטל אין דער טיף פון טײַך אַרײַן. אַ ווײַל שפּעטער האָט אַן אַרומגעקײַ/עכיקטער קלאָץ זיך אַ וויג געטון אויף דער אויי־בערפלאַך פון טײַך. דאָס איז געווען אַ שוואַרצער שופּנדיקער רוקן פון אַ קראָקאָדיל. פון דעמאָלט אָן פלעגן סײַ מיר סײַ די כאַיעס אַריבערגיין דעם טײַך שטראָם אַרויף, ווו מען קען דעם טײַך אַריבערגיין צו פוס.

איין מאָל, ווען די רעגנס זענען שוין אַריבער, איז דער טאַטע געקומען צוריק פון טאַמראַ־פורני מיט צוויי זעק בעבלעך און אַ זאַק ניס ער האָט אָפּגעקאָכט אַ רייזיקן קעסל בעבלעך,

www.libtool.com.cn

דערנאָך זיי אָפּגעפּרעגלט אויף אייל און צוגעגעבן זאַלץ און פעפער. איך האָב אים געהאָלפן אין דער אַרבעט, ברענענדיק אין גאַנצן פון נײַגער.

— צו וואָס טויג אונדז אַזוי פיל בעבלעך? — האָב איך געפרעגט.

ענדלעך האָט מיר דער טאַטע דערקלערט, וואָס ער האָט דאָ פאַרטראַכט:

— מיר מוזן זיך צוגרייטן אַ ביסל מער שפּײַז אויפן וועג. מאָרגן גייען מיר אַוועק ווײַט אין דזשונגל און וועלן זיך אײַנאָרדענען אַ וווינונג אויף די ביימער; דאָרט וועלן מיר פאַרברענגען אַ גאַנצע וואָך באָך אַנאַנד און זען, וואָס פאַר אַ רויב דער גורל וועט אונדז צושיקן.

איך בין געווען זייער אומגעדולדיק און נישט געקענט אײַנשלאָפן. כ'האָב זיך קוים דערוואַרט, ס'זאָל טאָג ווערן. אַרום פינף אַ זייגער זענען מיר געווען פאַרטיק. דער טאַטע האָט אָנגעשטאָפּט צוויי טאָרבעס געקאָכטע בעבלעך און מיטגענומען אַ גאַנצן זאַק ניס. מיר האָבן זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

אין אָנהייב זענען מיר געגאַנגען לענגאויס דעם וואַלדראַנד, וואָרעם אין אַזאַ פריִער שאָ צו פאַרטיפן זיך אין דזשונגל איז אַ געפערלעכע זאַך. פלוצלונג האָט דער טאַטע שווײַגנדיק מיר אָנגעוויזן אויף דער ערד. איך האָב דערזען די אָפּדרוקן פון אַן אַנטילאָפּעס טלאָען. מיר זענען געגאַנגען לויט די שפורן און גיך אויסגעטיילט אויך די שפורן פון אַ טיגער.

— זיכער איז דער טיגער געקומען באַגינען אַהער צום וואַסער־טרינקען און געטשאַטעוועט אויף דער אַנטילאָפּע. די אַנטילאָפּע האָט דערפילט דעם טיגער און געלאָזט זיך אַנטלויפן פון אים — האָט דער טאַטע געזאָגט. — אָט, גיב אַ קוק: די אָפּדרוקן פון די טלאָען זענען אַלץ טיפער און טיפער. הייסט עס, איר לאַגע ווערט אַלץ געפערלעכער, אירע מוסקלען ווערן פאַראַליזירט פון שרעק, זי קען נישט מער לויפן אַזוי גיך. אירע פיס קלעפן זיך צו דער ערד.

אַ הונדערט טריט ווײַטער האָבן מיר דערהערט אַ רעווען.

www.libtool.com.cn

אײן רעגע, און מיר זענען שוין געװען אויף אַ בוים, אַזוי הויך אַז דער טיגער האָט נישט געקענט דערשפּרינגען צו אונדז. פון דאַנען, קריכנדיק װי מאַלפּעס פון צװײַג צו צװײַג, פון בוים צו בוים, האָבן מיר דערגרײכט צו דעם אָרט, װאָס פון אים האָבן מיר געקענט זען דעם טיגערס מאָלצײַט. דאָס איז אי אַ שרעקלעך אי אַ שײן בילד. דער טיגער, אַ גאָלדענער און שװאַרצער, ליגט אין אַ קאַלוזשע בלוט. ער דריקט אונטער זיך די אַנטילאָפּע און בײַסט זיך אַרײַן מיט די צײן אין האַלדז פון דער דערהאַרגעטער כאַיע. דער טיגער פרעסט פריִער אויף די װײכע טײלן פון דער אַנטילאָפּע: צו ערשט דעם האַלדז, דערנאָך די מוסקלען פון ברוסט, דעם בויך, גײט אַריבער צו די ריפּן און רײַסט איבער ביז צום נאָענטסטן מאָל. אָבער געװײנלעך איז שוין קײן נאָענטס מאָל נישטאָ: די רעשטלעך דערעסן שוין אַנדערע כאַיעס. מיר האָבן זיך פאַרקוקט אויף דעם רויבערס מאָלצײַט. פּורפּור, גאָלד און גרינס האָבן געמיניעט אין זײַנע אויגן.

— ער װעט זיך װענדן צו זײַן הײל און פאַרבײַ אונדז גײן — האָט געזאָגט דער טאַטע. — פריִער װעלן מיר נישט שיסן.

מיר האָבן לאַנג געװאַרט. אַרום נײַן אַ זײַגער האָט ער אָפּגעלאָזט זײַן רויב, פאַרקראָכן אין די קוסטעס און געלײגט זיך שלאָפן. אָבער פאַרן לײגן זיך שלאָפן, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און גענומען אָפּלעקן מיט דער צונג אַ װונד אויף דער ברוסט, װאָס פון איר האָט געטריפט בלוט. װײַזט אויס, אַז די אַנטילאָפּע האָט פאַרן טויט באַװיזן צו דערלאַנגען אים מיט דער טלאָ און טיף צעװונדיקט אים די ברוסט.

אין גיכן האָבן די קוסטעס אונטער אונדז גענומען זיך באַלעבן. שװאַרצע פּיסקלעך האָבן זיך גענומען דורכרוקן דורך די בלעטער. זײערע נאָזלעכער האָבן זיך באַװעגט, אויפכאַפּנדיק דעם רײעך פון דער אַנטילאָפּע. דאָס זענען געװען פוקסן און שאַקאַלן — זײ זענען געקומען נאָך זײער כײלעק בײנער. װען זײ זענען צוגעקומען נענטער צו דעם רויב, האָט דער טיגער געװאָרטשעט װי אַ הונט און די נידעריקע געװיקסן פון

www.libtool.com.cn

דזשונגל האָבן זיך אַ צעוואַקל געטון ווי אַ פּאַקל אויפן ווינט– ביזן מיטאָג האָבן שטילסטע שאָרכן פון מאָל צו מאָל זיך אַרײַנגעפלאָכטן אין דער פולסטער אַרומיקער שטילקייט. אַ מאָל האָבן די הונגעריקע פּיסקעס זיך צעעפנט שוין קעדיי זיך אַרײַנצובײַסן אין פלייש, אָבער יעדעס מאָל האָט זיך דערהערט אַ בייזער כראַפּ פון טיגער, און די כאַיעס זענען זיך צעלאָפן איבערן וואַלד. מען האָט נישט געהערט, ווי זיי אַנטלויפן, מען האָט עס בלויז געזען. אויב אַ שאַקאַל איז אַנטלאָפן, זענען איבער די צווײַגן דורכגעלאָפן כוואַליעס. אויב אַ פוקס איז אַנטלאָפן, האָבן די קוסטעס געצאַפּלט זיך ווי אַ פּעל פון הונט, וואָס האָט שווערע כאַלוימעס.

פלוצלונג איז איבער די קוסטעס אַריבער אַ נײַער גערויש: די הויכע שטאַמען און די בלעטער האָבן זיך צעוויגט ווי קינדער אין אַ וויגל. דער דאָזיקער גערויש איז געקומען פון צוויי זײַטן. ער האָט געהאַט אין זיך עפּעס שרעקלעכס, און איך האָב אַ ציטער געטון. דער טאַטע האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט.

– שרעק זיך נישט, מײַן זון! – האָט ער געזאָגט.

אַ שטילער געמורמל איז אַריבער איבערן גראָז, און צוויי פּאַנטערעס זענען אויסגעוואַקסן פאַר דעם רויב. פון דער אַנטילאָפּע האָט זיך אָפּגעריסן אַ מאַכנע פליגן. די פּאַנטערעס האָבן נישט דערפילט דעם טיגער – זיי זענען אַרויס פון דער ווינטיקער זײַט. דער טיגער איז שוין געווען צו פויל צו רירן זיך.

– שרעק זיך נישט און ריר זיך נישט, – האָט דער טאַטע געמורמלט. – ריר זיך נישט! די פּאַנטערעס קריכן גוט אויף ביימער. אויב זיי וועלן אונדז באַמערקן, זענען מיר פאַרפאַלן.

די פעלן פון די פּאַנטערעס זענען באַדעקט געווען מיט שיינע צייכענונגען, עפּעס ווי עמעצער וואָלט אײַנגעטונקען אַ בלאַט אין טינט און דערנאָך אים צוגעלייגט דורך אַנאַנד צו דער גאָלדענער פעל. ווי נאָר די פּאַנטערעס האָבן דערזען

www.libtool.com.cn

איינס דאָס אַנדערע, האָבן זיי אָנגעשטשירעט די ציין, און זיך אײַנגעזויזן מיט די בליקן איינס אין אַנדערן. זייערע וויידלען האָבן זיך באַוועגט אַהין און אַהער. איינע פון זיי האָט מיטן ווײדל פאַרטשעפּעט אַ שטענגל און דער שטענגל האָט מיט אַ טראַסק זיך אָפּגעריסן: כרופּ, כרופּ! און פּלוצ־לונג איז צווישן ביידע פּיסקעס פון די פּאַנטערעס אויסגע־וואַקסן דעם טיגערס פּיסק: אים האָט אויפגעוועקט דער טראַסק פון אָפּגעבראָכענעם שטענגל. די פּאַנטערעס האָבן זיך צוריקגע־צויגן אָן געררויש, ווי אַ פּאָדעם אין אַ נאָדל־לאָך. דער טיגער האָט אַ רעווע געטון. אונדז האָט זיך געדאַכט, ווי בערג וואָלטן אײַנגעפאַלן און רײַסנדיקע שטראָמען וואָלטן מיט אַ ליאַרעם זיך געלאָזט אויף אונדז: אַזוי מעכטיק איז געווען דאָס רעווען. אָבער די פּאַנטערעס האָבן זיך נישט דערשראָקן. ווי נאָר דעם טיגערס רעווען האָט זיך אײַנגעשטילט, האָבן ביידע כאַיעס זיך צעוואָיעט, ווי מען וואָלט צעגליטע שפּיזן אַרײַנגעשטעקט און זייער אינגע־ווייד. דאָס איז געווען אַן אַרויסרוף. דער טיגער איז צוגעפאַלן צו דער ערד, קוקנדיק אויף די פּאַנטערעס.

די דזשונגלען זענען פון העכסטן בוימשפּיץ ביז די טיפס־טע טיפענישן פון דער ערד געווען אַרומגענומען פון אַ שרעק־לעך שווײַגן. בלויז דער טיגער האָט מיט זײַן קלאַפּן מיטן ווײדל געשטערט די שטילקייט. די פײַנט האָבן אַלץ מער און מער זיך אויסגעשטרעקט אויף דער ערד. אַלע כאַיעס פון דער קאַץ־מיש־פּאָכע, ווען זיי ווערן באַפאַלן, קוועטשן זיך צו צו דער ערד, אַזוי ווי אָנגעמענדיק אַזוי אַרום קויכעס. ווען די כאַיע ליגט צוגע־דריקט צו דער ערד, אַנטפּלעקט זײַן סוינע בײַם שפּרונג דעם האַלדז און דעם בויך — צום בעסטן איז זיי אָנצוגרײַפן פון אונטן און דעריבער, וואָס שטײַפער די פרוזשינע איז אָנגעצויגן, אַלץ שטאַרקער וועט זי אָפּשפּרינגען, ווען מען וועט זי נאָכלאָזן. סײַ די פּאַנטערעס, סײַ דער טיגער זענען פאַרשוווּנדן אין גראָז; בלויז זייערע קעפּ האָבן זיך אַרויסגעוויזן פון זייערע אויגן, וואָס האָבן געגליט ווי רויטע שטיינער.

פּלוצלונג האָט איין פּאַנטערע זיך צעוואָיעט און אויסגע־

www.libtool.com.cn

צויגן אַ לאַפּע פּאָרויס. דאָס איז געווען אַ סיגנאַל. די צווייטע האָט זיך געגרייט צו וואַרפן אויפן טיגער, אָבער זי איז נאָך געבליבן אויף אַן אָרט. אַ פּאַכדאָנעס האָט דורכגעבליצט אין אירע אויגן. זי וואָלט זיך גערן אָפּגעזאָגט פון קאַמף.

דער טיגער האָט גלייַך דערפילט זייַן איבערמאַכט און ער האָט זיך צערעוועט. מיר האָבן געזען, ווי די אַנדערע פּאַנטערע האָט זיך אויפגעקאָרטשעט פון שרעק. די ערשטע ווידער האָט זיך גאָר פאַרלוירן און זי האָט נישט אַ שפּרונג געטון אויפן טיגער. נאָר איז צוגעלאָפן צו אים פון אַ זייַט. זיי האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין איין קנויל. די צווייטע פּאַנטערע האָט זיך אויפגעוועקט פון איר גליווערנדיקער שרעק און זיך געוואָרפן אויפן טיגער. אָבער זי האָט נישט געקענט צו אים זיך צורירן. יעדעס מאָל, וואָס זי האָט געוואָלט זיך דערנענטערן, האָט דער טיגער, נישט אָפּלאָזנדיק זייַן קעגנער, אָפּגעיאָגט זי מיט אַ בליצשנעלן קלאַפּ. דער פּאַנטערע איז געלונגען בלויז אייַנצורייַסן דעם טיגער די זייַטן — ביזן האַלדז אָדער דעם בויך איז איר נישט געלונגען צו דערקלייַבן זיך. אָבער אָט האָט זי זיך פלינק אַ וואָרף געטון, אייַנגעביסן זיך דעם טיגער אין ריפּ און אים צוגעדריקט צום אָרט. דער טיגער האָט זיך אַ ריס געטון און, שטייענדיק אויף די הינטערשטע לאַפּעס, האָט ער אונטער זיך צוגעקוועטשט דעם ערשטן קעגנער — איין אומבאַמערקלעכע רעגע און ער האָט מיט זייַנע נעגל אים איבערגעריסן דעם האַלדז. מיט אַ גסיסע־יאָמער האָט די פּאַנטערע צעעפנט דעם פּיסק און איז אָפּגעקראָכן אָן אַ זייַט. אין דעם מאָמענט האָט די צווייטע פּאַנטערע אָפּגעלאָזט דעם ריפּ און מיט דער מאָרדע זיך אייַנגעגראָבן אין טיגערס בויך. אַזוי איז זי געלעגן, אייַנבייַסנדיק זיך אין טיגערס אינגעווייד, און יענער האָט איר געריסן דעם רוקן מיט זייַנע נעגל און ציין.

די דזשונגלען האָבן זיך אָנגעשפּיצט. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז די זון אַפילע איז פאַרגליווערט געוואָרן אויף איין אָרט. די מינוטן זענען געפלאָסן ווי שאָען... די קערפּערס פון די פייַנט זענען געבליבן ליגן אָן באַוועגונגען, ווי אַ שטיין. דאָס רעווען און

www.libtool.com.cn

בראַפען האָט אויפגעהערט. די שוואַרצע פּיסקעס פון די שאַקאַלן האָבן זיך אָנגעהויבן אַרויסבאַווייַזן פון צווישן די קוסטעס.

— מען דאַרף אַראָפּקריכן און ראַטעווען זייערע פעלן, — האָט געזאָגט דער טאַטע. — די ערשטע פּאַנטערע איז שוין אויך טויט.

מיר האָבן זיך געאײַלט אַראָפּצוקריכן. אָט איז זי, די ערשטע פּאַנטערע, צוויי טריט פון די טויטע גופים פון טיגער, דער פּאַנטערע און אַנטילאָפּע. מיר האָבן זי צוגעשלעפּט צו אַ קוסט און גענומען זיך צו דער אַרבעט. אויף דער אַנטילאָפּע איז שוין קיין פעל נישט געווען.

מיר האָבן צונויפגעבונדן די פּאַרבלוטיקטע פעלן און מיט שטריק זיי אַרויפגעצויגן אויף אַ צווײַג פון אַ בוים. דערנאָך זענען מיר אַליין אַרויף אויפן שפּיץ און בײַם שײַן פון דער אויפגייענדיקער לעוואָנע האָבן מיר אויפן בוים זיך אויסגעבעט צום נאַכטלעגער. דער טאַטע האָט פון דער טאָרבע אַרויסגעקריגן שמעקנדיקן בוימל. מיר האָבן זיך אײַנגעשמירט מיט אים, קעדיי זיך צו שיצן פון די מוראַשקעס און מאָסקיטן און האָבן צוגעמאַכט די אויגן.

www.libtool.com.cn

## 11. אַ נאַכט אין די דזשונגלען

אָבער אונדזער ערשטע נאַכט אין די דזשונגלען איז אַריבער אומרויִק. דעם טיגערס פעל, וואָס איז געהאָנגען אויפן בוים, האָט אונדז געשיצט מיט איר רייעך. מיר האָבן געקענט נישט שרעקן זיך פאַר די כאַיעס, וואָס קריכן אויף ביימער. אַפילו אַ פאַנטערע וואָלט, דערפילנדיק דעם רייעך פון אַ טיגער, אָפּגעצויגן. אונטן, אויף דער ערד, איז דער רייעך פון טיגער צערונען געוואָרן — אים האָט דער ווינט פאַרטריבן און דער וועג פאַר די וואַלד־אײַנוווינער איז געלעגן אָפן.

כ'ווייס נישט פאַר וואָס, איך האָב נישט געקענט שלאָפן. איך בין געלעגן מיט אַן אָנגעשפּיצטן געהער און קוק.

די לעוואָנע איז אַרויס און די דזשונגלען האָבן זיך אײַנגערויִקט. הונדערטער דראָבנע כאַיעס האָבן זיך געטומלט אין די קוסטעס, אַרומפרעסנדיק די נעווײַלעס פון די כאַיעס. ביסלעכווײַז האָבן די דזשונגלען זיך אָנגעפולט מיט טויזנטער קלאַנגען. די דאַזיקע קלאַנגען האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין אַ גלײַכמאָסיקן גערויש. אַ טראַסקען און כראַפּען איז אַריבער איבערן וואַלד, און בײַם שײַן פון דער לעוואָנע האָט זיך אָפּגעצייכנט אַ קאָפּ מיט אַ טעמפּן האָרן — דאָס איז געווען אַ נאָזהאָרן. ער האָט זיך צעכראַפּעט, און די כאַיעס זענען זיך צעלאָפן, די ביימער און קוסטעס האָבן געקנאַקט אונטער דעם שווערן טרעטן פון זײַנע פיס. דער בער האָט וואָרטשענדיק זיך דורגעשלעפּט אונטער אונדזער געלעגער. דערנאָך זענען אַדורך ווילדע בופלאָקסן. זיי זענען געווען אַ שטיק זעכציק און באַוועגט האָבן זיי זיך אין אַ האַלבקרײַז. בײַ די עקן פון דעם האַלבקרײַז זענען געגאַנגען די שטאַרקסטע, פאָרויס האָט געשפּאַנט דער פירער, דער עלטסטער און דער פאַרנסטער פון די בופלאָקסן. אין מיטן — די זיִען מיט זייערע

www.libtool.com.cn

קעלבער. די בופלאָקסן האָבן זיך באַוועגט שווײַגנדיק. בײַ די קוסטעס האָבן זיי זיך צעכראַפּעט: זיי קענען נישט פאַרטראָגן קיין רייעך פון בלוט. די בופלאָקסן האָבן זיך צעשריגן מיט אַ געדיכטן און קורצן רעווען, און די סטאַדע איז פאַרשוווּנדן אין די קוסטעס. דערזעענדיק, אַז איך שלאָף נישט, האָט דער טאַטע געזאָגט:

— איצט איז די שאָ פון דער טיפסטער נאַכט. אין גיכן וועט זײַן האַלבע נאַכט, די באַוווינער פון די דזשונגלען וועלן גיין צום וואַסער־טרינקען. די שרעקסט זיך נישט?

— ניין — האָב איך געענטפערט.

— אויב אַזוי, וועלן מיר זיך אַראָפּלאָזן און צוגיין צום טײַך. מיר וועלן זיי אַלע דאָרט זען.

מיר זענען אַראָפּגעקראָכן אונטן ווי אין אַ שאַכטע פון טײַערע שטיינער: די אויגן פון די פוקסן, שאַקאַלן און ווילדע קעץ האָבן געגליט אַרום און אַרום, דורכבליצנדיק אין שײַן פון דער לעוואָנע.

מיר זענען גיך צוגעקומען צום וואַסער־טרינקען. דער טאַטע האָט אין דער פינצטערניש אויפגעזוכט אַ שטעגל פון די העלפאַנטן, אַזוי לײַכט ווי בײַ טאָג. ער האָט געזאָגט:

— יעדע כאַיע גייט איבער די דזשונגלען מיט איר אייגענעם וועג, שטענדיק מיט איין און דעם זעלבן וועג. פאַר אַ מענטשן איז צום זיכערסטן צו גיין מיטן וועג פון די העלפאַנטן, וואָרעם קיין שום כאַיע טרעט נישט אויף די פרישע שפורן פון העלפאַנטן. יאָס גייען צום וואַסער־טרינקען.

אין האַלבער שאָ אַרום זענען מיר שוין געווען בײַם טײַך. מיר זענען אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און געלעגן דאָרט אומבאַוועגלעך, ווי עפּל אויף אַ בוים.

אָט זענען זיי, די ביפלאָקסן! זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין אַ האַלבקרײַז, אָנגעטרונקען זיך און פאַרשוווּנדן אין דער נאַכט.

פלוצלונג האָבן די צווײַגן אַ ציטער געטון, — נישט אונטן, אונטער די ביימער, נאָר ערגעץ ווו, אין איין ריי מיט אונדז.

www.libtool.com.cn

עפּעס אַ שוואַרצע זאַך האָט ווי אַ שלאַנג זיך אַרומגעוויקלט לעבן מיר אַרום אַ צווייַגל און אים אַראָפּגעריסן. מיר זענען שיר נישט אַראָפּגעפאַלן פון בוים. עמעצער, אַ שווערער, האָט זיך צוגעדריקט צום שטאַם, אַזוי, אַז ס׳האָט זיך געראַכט, אַז די וואָרצלען אין דער ערד ציטערן. איך האָב אין איין שרעק אַ קוק געטון אויפן טאַטן, וואָס איז געלעגן צוגעדריקט צו אַ צווייַג הינטער מייַן האַנט, אָבער ער האָט געדריקט מייַן האַנט, אָבער נישט געזאָגט קיין וואָרט. צוויי ווייַסע שווערדן האָבן אַ גלאַנץ געטון צווישן די צווייַגן אונטער מיר. די אונטערשטע צווייַג האָט אַ ציטער געטון, די שווערדן האָבן זיך געלאָזט פאַרויס און איך האָב דערזען, אַז דאָס זענען צוויי העלפאַנטציין. באַלד האָבן זיך די בלעטער צעטיילט און ס׳האָט זיך באַוויזן אַ העלפאַנטס קאָפּ און רוקן.

די סטאַדע ריזן האָט זיך געשאַרט איבער די ביימער, זוכנדיק זאַפטיקע גרינגע צווייַגן. דער אַלטער מעכטיקער פירער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום וואַסער, איז אַוועק רעכטס און זיך אָפּגעשטעלט. נאָך אים איז צוגעגאַנגען אַ יאָריק העלפאַנטל און זייַן מוטער. זיי האָבן זיך געשטעלט לעבן דעם פירער, אַ ביסל העכער פון טייַכשטראָם. הינטער זיי האָבן זיך אויסגעשטעלט אין איין ריי אַלע איבעריקע. דעמאָלט האָט דער פירער, וואָס איז געשטאַנען נידעריקער פון אַלע לויטן שטראָם, אַראָפּגעלאָזט די נאָז אין וואַסער אַרייַן און זיך אָנגעטרונקען. דערנאָך האָט זיך אָנגעטרונקען דער צווייטער העלפאַנט, דער דריטער, און אַזוי ביז דער לעצטער אַלטער העלפאַנט האָט נישט געשטילט זייַן דאָרשט. זיי האָבן געטרונקען לויט אַ ריי, קעדיי איינער זאָל דעם אַנדערן נישט מוטנע מאַכן דאָס וואַסער.

די העלפאַנטן האָבן שוין געענדיקט זייער טרינקען, האָבן זיך בייַם טייַך פלוצלונג באַוויזן די הערנער פון אַ הירש. דער זילבערנער שייַן האָט אים געשטראָמט צו ביידע זייַטן. ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט צום ברעג צווישן די העלפאַנטן און בופלאָקסן. די העלפאַנטן האָבן אים פאַרטיידיקט

www.libtool.com.cn

פון רעכטס, די בופלאָקסן – פון לינקס. דער הירש איז געוויזן הויך און שיין. אין לעוואָנע־שײַן האָט זײַן גאַנצער גוף אויסגעזען ווי אויסגעגאָסן פון זילבער. ער האָט געטרונקען, שטייענדיק ביז אין דער העלפט אין וואַסער. איין אויער — פאָרויס, דאָס צווייטע — אויף הינטן. מיט איין אויער האָט ער אויפגעכאַפּט די שאָרכן פון די דזשונגלען, מ טן צווייטן — דעם לויף פון וואַסער. דער געהער אַליין קען אים וואָרענען קעגן די געפאַרן בעשאַס טרינקען. דער פילכוש קען דאָ נישט העלפן, וואָרעם די נאָז איז אונטערן וואַסער. דאָס זען — אויך נישט, וואָרעם די אויגן זענען אַראָפּגעלאָזט נידעריק צום וואַסער צו.

דער הירש האָט אָנגעהויבן צו טרינקען, וואַרפנדיק אין דער לופט מיטן קורצן ווידל. פלוצלונג איז דער ווידל געבליבן ווי אָפּגעשטאָרבן: פון ערגעץ בײַם ברעג האָט זיך דערטראָגן אַ שאָרך. איין רעגע, און דער הירש איז שוין געשטאַנען, אויסגעדרייט צו די דזשונגלען, מיט די אויערן אויפגעהויבן אַנטקעגן ווינט. די צווײַגן האָבן אַ ציטער געטון לעבן אים און ער האָט זיך געוואָרפן אָן אַ זײַט, אַהין ווו ס'האָבן זיך אין שאָטן פון די קוסטעס פאַרטײַעט די בופלאָקסן.

פון בוים איז אַראָפּשפרונגען אַ פּאַנטערע, אָבער זי האָט נישט געטראָפן: דער הירש האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין סאַמע מיטן פון דער סטאַדע. דער רויבער האָט אַ שפרונג געטון איין מאָל, אַ צווייטס און אָנגעשטויסן זיך אויף אַ וואַנט פון שטיינערנע קעפּ און טלאָען. דער הירש איז געווען מיכוץ פון יעדער געפאַר.

ווידער איז געוואָרן שטיל אין די דזשונגלען. די לעוואָנע איז פאַרגאַנגען און אַ טיפע שטילקייט האָט אַרומגענומען די גאַנצע ערד. ס'האָט זיך געדאַכט, די דאָזיקע שטילקייט וועט שוין קיין מאָל נישט איבערגעריסן ווערן. אָבער אָט איז אַ צאַפּל אַריבער דעם וואַלד. דער ערשטער שטראַל האָט אַ גלאַנץ געטון אין די הימלען. ס'האָבן זיך צעקלונגען אין דער לופט פייגלשע לידער. די שטאַמען און צווײַגן, די ברעגעס פון טײַך און די

www.libtool.com.cn
ווײַטע שטאָכים, וואָס זענען ביז איצט געלעגן ווי פון איין שטיק אויסגעגאָסן, האָבן זיך צעצונדן מיט אַ גלאַנץ פון פאַרבן.
מיט אַ גאָלדענעם פאַקל האָט די זון זיך אויפגעהויבן אין די הימלען.

די דזשונגלען — דאָס איז אַ גוטע שול אי פאַר כאַיעס אי פאַר ייִנגלעך. דער טאַטע איז געווען אין דעם פעסט איבער־געצײַגט.
— דאָס לייענען און שרײַבן — פלעגט ער זאָגן — איז דער לעצטער שטאַפּל פון לייטער. פריִער דאַרף אַ מענטש אָנ־נעמען אין זיך דערפאַרונג און קראַפט אין געראַנגלען.
איך האָב זיך געלערנט לעבן בײַ די דזשונגלען — בײַ דער נאַטור און בײַ די כאַיעס.
— דער יעגער אין דזשונגל דאַרף געדענקען וועגן דרײַ געזעצן — האָט געזאָגט צו מיר דער טאַטע. — ערשטער געזעץ — האַרגע נישט קיין כאַיע אָן אַ פריִעריקער וואָרענונג; צווייטער געזעץ — האַרגע נישט צוליב עסן, און דער דריטער — שרעק זיך נישט.
אויך אַנדערע געזעצן האָט דער טאַטע מיר אויפגעקלערט. פלייש מעג מען עסן אין לענדער מיט אַ מעסיקן קלימאַט. אין די הייסע לענדער איז צו עסן פלייש שעדלעך, און אוואַדע שעד־לעך איז עס פאַר אַ יעגער: דער רייעך פון דעם רויבער גייט מיט אים אומעטום מיט, און די כאַיעס פון דזשונגל אַנטלויפן פאַר אים. פונקט אַזוי דערפילן אויך די כאַיעס דעם רייעך פון שרעק. אַזוי ווי אַלע כאַיעס, לאָזט אַרויס פון זיך דער מענטש בעשאַס אַ שרעק אַ שאַרפן רייעך, און די אײַנוווינער פון די דזשונגלען דערקענען גלײַך אָן אים וועגן דעם, אַז אַ מענטש איז אין דער נאָענט.
דער טאַטע איז געווען אַ פּרעכטיקער שיסער פון בויגן און ביקס. איך האָב מיט אים זיך נישט געקענט פאַרמעסטן. כ'האָב מוירע, אַז איר וועט מיר נישט גלייבן. ס'האָט געטראָפן, אַז ערגעץ בײַם

www.libtool.com.cn

טײַך האָט ער מיר אָנגעװיזן אויף אַ סאָקאָל אויף אַ שפּיץ בוים און געזאָגט:

— מײַן זון, דײַנע אויגן זענען שאַרף. װאַרף אַ שטיין אין דעם פויגל און פאַרטרײַב אים פון זײַן אָרט.

איך האָב אויסגעפילט דעם באַפעל און ער האָט זיך אײַנגעקוקט אין װאַסער און לויט דער אָפּשפּיגלונג אין װאַסער זיך אָנגעצילט, און אין זיבן פון צען פאַלן האָט ער פּינקטלעך געטראָפן אין ציל בעשאַסן פלי. אויב ער האָט אַ מאָל נישט געטראָפן, האָט ער שװײַגנדיק פאַרװאָרפן די ביקס הינטערן אַקסל און געגאַנגען זײַן װעג. אָבער, װען דער געהאַרגעטער פויגל איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, האָט ער שטענדיק געשװיגן.

— אַזוי, מײַן זון, מיר פאַרלאָזן זיך מער אויף דער פּינקטלעכער אויסרעכענונג, אײדער אויף דעם זען.

אַ געהער האָט ער געהאַט אַ זײער שאַרפן. בײַ נאַכט האָט ער געשאָסן לויטן קלאַנג, און אויב עס איז געװען אַ מעכיצע צװישן אים און דעם רויב, האָט ער עס דערפילט. ער האָט זיך צוגעהערט צו די באַװעגונגען פון דער כאַיע אַזוי לאַנג, ביז װאַנען דער קלאַנג פון די באַװעגונגען איז געװאָרן אין גאַנצן ריין פון יעדער שטערונג. גײן מיט אים בײַ נאַכט איבער דער דזשונגל איז געװען אַזוי לײַכט, װי בײַ טאָג.

דאָס ערשטע האָט מיך דער טאַטע אויסגעלערנט — פאַרשטײן, װוהין און נאָך װאָס אַ כאַיע גײט. לויט די שפּורן און די רײכעס, לויט דעם װיגן זיך פון די קוסטעס דאַרף איך דערקענען, מיט װעמען מיר װעט אויסקומען זיך צו טרעפן.

אָט איז אַ פאַרװאָרפן װאַלדשטעגל און בערנטריט. װי אַזוי דערקענען, צי איך װעל זיך דאָ אָנשטויסן אויף אַ שװערפיסיקן בער? דאָ איז געװען אַ סאַך מיטלען, אָבער אײנער איז געװען— דער בעסטער. בערן זענען גרויסע באַלאָנים אויף מוראַשקעס. אַ בער ליגט לעבן אַ מוראַשניק און לעקט אָפּ די אַרויסקריכנדיקע מוראַשקעס, ביז װאַנען דער מוראַשניק װערט אויסגעליידיקט. דו גײסט און קוקסט אויף די מוראַשניקעס. אויב דער בער איז דאָ שוין דורכגעגאַנגען, זענען די מוראַשניקעס ליידיק, אויב

www.libtool.com.cn

אָבער זיי ווימלען פון מוראַשקעס, קענסטו זײַן רויִק: דער בער איז ווײַט.

אין רעגנדיקע טעג איז שווער צו דערקענען, ווו דער בער געפינט זיך. זײַנע שפּורן דערקענט מען נישט. אין די איבעררײַסן צווישן די שלאַקסרעגנס קען מען באַמערקן אָפּדרוקן פון לאַפּעס, אָבער דו וועסט בעשום אויפן נישט דערגיין, וואָס פאַר אַ כאַיע איז דאָ אַרום אַדורכגעגאַנגען. אַ גליק בלויז, וואָס אין דער רעגנצײַט פאַלן די כאַיעס נישט גערן אָן איינע אויף דער אַנדערער. די כאַיעס האָבן מוירע פאַר רעגנס און דונערס.

איין מאָל זענען מיר מיטן טאַטן געווען אין געדיכטן וואַלד, בעשאַס ס'האָט אויסגעבראָכן אַ שטורעם. ס'איז געווען צוויי נאָך מיטאָג. פּלוצלונג האָבן וואָלקנס פאַרדעקט דעם הימל, ס'האָט זיך צעק־אַכט אַ דונער. און אין דער דזשונגל איז געוואָרן פינצטער, ווי אין מיטן נאַכט. נאָך יעדן בליץ האָב איך אין דער געדיכטער ווערנדיקער פינצטערניש דערזען אַרום זיך אויגן פון כאַיעס. איבערגעשראָקענע פון שטורעם, האָבן זיי אַפילע בעדייע גישט געהאַט אָנצופאַלן אויף אונדז. דער רעגן האָט געגאָסן, די פינצטערניש האָט זיך אַ־ומגעקלעפּט, ווי אַ ריזיקע שוואַרצע פאַנטערע, וואָס איז דורכגענעצט ביז אין די ביינער, געריבן זיך אָן אונדז מיט איר נאַסער פעל. און ווען ס'האָט אַ בלאָז געטון אַ ווינט, האָט די דאָזיקע שוואַרצע פעל אויפגעשוידערט און יעדע האָר האָט זיך אויסגעגלײַכט און אויפגעשטעלט, אַ שוואַרצע און פײַכטע.

אָבער דער שטורעם איז אַריבער. אין אַ האַלבע שאָ שפּעטער האָט דער וואַלד זיך שוין געלויכטן אין די שטראַלן פון דער אונטערגייענדיקער זון. דאָ האָבן מיר דערהערט איבערן קאָפּ דאָס זשומען פון בינען.

— איבער אונדז איז אַ בער! — האָט אויסגערופן דער טאַטע. — ער זוכט האָניק, אָבער איצט איז נאָך צו פרי, די בינשטאָקן וועלן זײַן פול ערשט אין צוויי וואָכן אַרום. ווײַזט אויס, ער איז הונגעריק, אַנישט וואָלט ער צוגעוואַרט אַ ביסל. לאָמיר זיך בעסער אָפּטראָגן פון דאַנען.

www.libtool.com.cn

מיר זענען אַוועק אַ ביסל ווײַטער און דאָ האָבן מיר ווי־
דער דערהערט אַ זשומען, דאָס מאָל אַ שטאַרקערס: אַ שוואַרצע
סטאַיע בינען איז געפלויגן אַרום דעם באַאומרויִקטן בינשטאָק.
מיר זענען אַרויפגעקראָכן אויף אַ בוים און זיך צוגעהערט.
צו אונדז האָט זיך דערטראָגן אַ וואָרטשען פון אַ בער. אין עט־
לעכע מינוט אַרום איז דער בער רעווענדיק אַראָפּגעפאַלן אויף דער
ערד און געלאָזט זיך לויפן אין וואַלד אַרײַן, ראַטעווענדיק זיך פון
דער מאַכנע גיפטיקע שטעכערס. פון דעמאָלט אָן האָב איך נישט
איין מאָל אין אַ רעגנדיקן וועטער דערקענט די אָנוועזנקייט פון
בער צווישן די בינשטאָקן אין די אויסהוילונגען פון די ביימער.
דער טאַטע האָט געקענט נאָכמאַכן די קוילעס פון פאַרשי־
דענע כאַיעס און פייגל, און מיך האָט ער אויך אויסגעלערנט צו
רופן מיט פאַרשידענע שטימעס. אָפט פלעגן מיר זיך איבעררופן
מיט אַ געשריי פון אַ פאַווע. דער רוף איז געווען באַקוועמער
פון אַנדערע, וואָרעם ער איז געווען הויך און קלאָר, און דערצו
אויך ווײַל פאַוועס אין אונדזערע געגנטן איז דאָ ווייניק און מיר
האָבן נישט ריזיקירט זיי צו צערייצן, האַגאַם מיר האָבן געקענט
ניט איין מאָל אַרײַנפאַלן.
איין מאָל האָב איך פון שפּיץ פון אַ בוים אַזאַ רוף געטון
דעם טאַטן און שטאָט אַן ענטפער אויף מײַן רוף האָט זיך אַרויס־
גערוקט אַ ריזיקע פאַווע־ער און געזוכט זײַן כאַווערטע.
איך האָב גענומען זיך אַראָפּלאָזן אויף אונטן, קעדיי
צו גיין זוכן דעם טאַטן. מיט אַ מאָל האָב איך דערהערט איבער
זיך אַ קלאַפּן פון פליגל און אַ הויך שיפען פון אַ שלאַנג. כ׳האָב
אַ קוק געטון אַרויף צו און אין אָוונטדיקן אויסלעשנדיקן ליכט
האָב איך דערזען די לאַפּעס פון דער פאַווע, וואָס האָבן זיך
אײַנגעגעביסן אין קערפּער פון שלאַנג. דער קאָפּ פון דער שלאַנג
איז געווען אונטערגעהויבן, די פאַווע ווידער האָט איר קאָפּ פאַר־
וואָרפן אַהינטער, ווי פיל נאָר איר לאַנגער האַלדז האָט עס דער־
לויבט. די צערייצטע פאַווע איז אַליין געווען ענלעך צו אַ דימענ־
טענעם שלאַנג: איר שנאָבל האָט זיך באַוועגט אַהין און צוריק
פונקט אַזוי אָפט ווי די צונג פון דער שלאַנג, די שלאַנג האָט

www.libtool.com.cn

זיך באַמיט אויסצוהיטן איר קאָפּ פון פאַוועס שנאָבל און בײַ יעדן בליצשנעלן קלאַפּ פון דער פאַווע האָט זי אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ צוריק, אָבער יעדעס מאָל אַלץ שוואַכער און שוואַכער. די פאַווע האָט פון איר זײַט זיך אויך אויסגעדרייט פון פײַנט. מען האָט נאָר געהערט די גאַנצע צײַט דעם גערויש פון אירע פליגל, עפּעס ווי ס'וואָלט זיך געריסן שורשענדיקער זײַד.

דער דועל האָט לאַנג געדויערט, אָבער ס'איז געווען קענ-



...דער דועל האָט לאַנג געדויערט.

www.libtool.com.cn

טיק, אַז די שלאַנג גיט זיך אונטער. די נעגל פון דער פּאַווע האָבן אַלץ טיפער און טיפער זיך אײַנגעגעסן אין סוינעס רוקן. אָט האָט די שלאַנג שוין אויפגעהערט זיך צו רײַסן אַ ביס צו טון דער פּאַווע און בלויז אָפּגעדרייט דעם קאָפּ פאַר דעם שרעקלעכן שנאָבל. דעם לעצטן מאָל האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אַ ביס צו טון דעם פויגל אין אונטערשטן טייל פון זײַן פוס, אָבער דער שנאָבל האָט דערגרייכט פריִער צו דעם אָרט, וואָס האָט געזאָלט געביסן ווערן. דער קערפּער פון דער שלאַנג איז געוואָרן אָפּגעשוואַכט און איז געבליבן אַראָפּהענגען פון צווײַג, וויגנדיק זיך ווי אַ שטריק. די פּאַווע האָט זיך פאַרנומען מיטן עסן, און אין דער רעגע האָב איך דערהערט דעם באַקאַנטן פּאַווע־רוף. ער האָט אַרײַנגעפירט אין אַ טאָעס די פּאַווע, אָבער נישט מיך: איך האָב באַלד דערקענט אין אים מײַן טאַטנס שטים.

אָבער איך האָב נאָך נישט געענדיקט דערציילן, ווי אַזוי מיר האָבן אויסגעשפּירט די בערן. מען קאָן זיי אָפּזוכן נישט בלויז לויט די מוראַשניקעס און בינשטאָקן. אין שפּעט־פרילינג וואַרפן די מאָרילע־ביימער אַראָפּ פון זיך זייערע האָניקבלומען, דער זאַפט אין די אַראָפּגעפאַלענע בלומען ציט צו דעם בער. ער בראָדזשעט אַרום אָוונטצײַט אין וואַלד, נאַשט די בלעטער, וואָס זענען אַ גאַנצן טאָג געלעגן אויפן גראָז, שיקערט זיך אָן און פאַלט אַנידער אונטער אַ בוים שלאָפן. אין דער פרי, ווען ער ניכטערט זיך אויס, גייט ער אַהיים. און אָט ווען דו גייסט באַגינען אַדורך די דזשונגל, זוכסטו צווישן די מאָרילע־ביימער און אונטער זיי אָפּדרוקן פון בערס קערפּער אין גראָז. ווען דער בער איז נישט שיקער, שלאָפט ער מיט אַ לײַכטן שלאָף און לאָזט אין גראָז נישט איבער קיין באַמערקלעכע שפּורן, אָבער אָנעסנדיק זיך מיט די מאָרילע־בלומען, שלאָפט ער אומבאַוועגלעך ווי אַ טויטער, און זײַן קערפּער לאָזט איבער אין גראָז אַ קענטיקן אָפּדרוק. אַרויסגייענדיק אויף געיעג אין די פרילינגדיקע באַגינענס, האָבן מיר געזוכט די דאָזיקע שפּורן און לויט זיי געפונען דעם בער. און אויב מיר האָבן געוואָלט אויסמײַדן צו טרעפן זיך מיט דעם באַוואָקסענעם און אומגעלומפּערטן באַלדאָווער, האָבן מיר

www.libtool.com.cn

זיך געהאַלטן ווײַטער פון די ערטער, וואָס אויף זיי וואַקסט די מאַרילע.

בערן — דאָס איז געווען דער וויכטיקסטער ציל פון אונדזערע געיעגן. אין טאַמראַ־פּורני, אין דער האַנדלס־קאַנטאָר, האָט מען געדענער פון אַלץ געקויפט בערנפעלן. פאַרן טאַטן איז אַזאַ געיעג געווען לײַכט; פאַר זײַנע שטאַרקע נערוון איז אַ באַגעגעניש מיט אַ בער געווען אַ קינדערשפּיל. דער בער שטעלט זיך אַליין לײַכט אונטער אַ שאָס: ער שטעלט זיך אויף די הינטער־שטע פיס, קעדיי זיך צו וואַרפן אויף דעם סוינע. אַנדערע כאַיעס אָבער, ווי אַשטייגער אַ טיגער, שפּרינגען אַרויף אויפן קעגנער פריער, איידער יענער באַווײַזט אים צו נעמען אויפן ציל.

איין מאָל האָבן מיר געבראָדזשעט איבערן וואַלד און צופעליק אָנגעטראָפן אַ בערנהייל. גלײַך האָבן מיר דערהערט אַ וואָרטשען און כראַפּען. מיר האָבן אָפּגעטרעטן און אין דער האַלבטונקלקייט פון די געוויקסן האָבן מיר דערפילט, אַז סע שפּאַרט אויף אונדז אַ שוואַרץ אומגעהײַער.

— שטיי הינטער מײַנע פּלייצעס — האָט געזאָגט דער טאַטע.

אָבער איך האָב זיך אַרויסגעבויגן צו זען, וואָס דאָ קומט פאָר. שיסן פון דער ווײַט אין דעם שוואַרצן אומגעהײַער טאָר מען נישט: אַ בער איז נישט קיין טיגער, די קויל קען זיך אַראָפּ־גליטשן פון זײַן געדיכטער און באַוואַקסענער פעל. איך האָב געזען, אַז דער ריז קומט צו אַלץ נענטער און נענטער. אַ שרעק האָט מיר געשפּאַנט די גלידער, אָבער בײַם טאַטן האָט צו מאָל קיין איין מוסקל נישט אַ ציטער געטון. דער בער איז שוין געווען אַזוי נאָענט, אַז איך האָב געזען, ווי די האָר שטעלן זיך אים קאַפּויער. די אויגן — ווי ברענענדיקע קוילן, פון פּיסק רינט אים אַ ווײַסער שוים. די ציין האָבן אַ גלאַנץ געטון ווי מעסערס, אָבער דער טאַטע האָט אַפילע מיט קיין פינגער נישט קיין ריר געטון. איך וואָלט גערן געוואָרפן זיך אַנטלויפן, אָבער מײַנע פיס זענען געווען ווי אָנגעגאָסן מיט בלײַ. איך בין פון שרעק געווען ווי צוגעוואַקסן צו דער ערד.

www.libtool.com.cn

דער בער האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע לאַפּעס. ס'האָט אויסגעזען, אַז אַזוי לויפט ער גיכער ווי אויף אַלע פיר. די פאָדערשטע לאַפּעס האָבן זיך אויסגעצויגן צום טאַטן. איך האָב שוין געפילט, ווי די נעגל פון דער כאַיע צערייסן די לופט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער הייסער אָטעם פליט אַרויס פון זײַן פיסק און בריט מיר אָפּ דאָס פּאָנעם. דאָ האָט דער טאַטע אָנגעשטעלט די ביקס, די רער האָט זיך אָנגע־שפאַרט אין בערס מויל און ס'האָט זיך דערהערט אַ שאָס. בלוט האָט אַ פלייץ געטון מיט אַ ברייטן שטראָם צוזאַמען מיט דעם בערס גסיסע־כראַפּען און רעווען. איך בין געשטאַנען פאַרזשמו־רענדיק די אויגן. דער טאַטע האָט מיך אַ טרייסל געטון:

— מען דאַרף זיך נישט שרעקן, זון מײַנער. דער שרעק דערהאַרגעט אַ מענטשן, ווען די כאַיע איז נאָך ווײַט. זע, סאַראַ ריזיקער בער — אַזאַ איינעם וועסטו נישט יעדן טאָג טרעפן. אַ שאָד וואָס מען וועט נישט קענען האָבן זײַן קאָפּ: דער שאָס האָט דעם גאַנצן שאַרבן צעשמעטערט. נו, די פעל וועלן מיר אַראָפּשינדן מאָרגן, איצט איז שוין שפּעט.

דער טויטער בער האָט געשיצט אונדזער שלאָף אין דער נאַכט. מיר זענען געשלאָפן אויף אַ בוים, ער האָט געהיטן אונטן. די כאַיעס מײַדן אויס דאָס אָרט, ווו אַ כאַיע ווערט דערהאַרגעט פון אַ מענטשן.

אין דער פרי האָבן מיר אָפּגעשונדן די פעל פון בער. קיינער, אַפילו נישט אַ הונגעריקער שאַקאַל, האָט נישט אָנגע־רירט דעם ריזיקן גוף. די הויט איז געווען גאַנץ.

www.libtool.com.cn

## 12. די כאַכמע פון וואַלד

ווען אַ טיגער גייט אַדורך אין די געוויקסן פון די דזשונגלען, וויגן זיך די הויכע גראָזן, און זייער כוואַליִען איז ענלעך צו זײַן פעל. ווען ס׳גייט אַ פּאַנטערע, צעגייען זיך און גייען זיך צענויף די שטענגלעך און בלעטער, ווי ס׳וואָלטן גע־פּאַטשט קינדישע הענטלעך. דאָס דאָזיקע באַווען זיך פון די געוויקסן קומט פון דער כאַיעס טריט. ווער ס׳האָט שאַרפע אויגן, דער קען זיך לײַכט אויסלערנען צו דערקענען די סי־מאָנים.

אָבער ווי אַזוי דערקענט מען, ווען דאָס וואַלד־געדיכ־טעניש שיקט דיר אָן, ווען אַרום איז אַ פינצטערניש? בלויז אַ זייער דערפאַרענער דזשונגל־אײַנוווינער באַזיצט די דאָזיקע קונסט. אויב די אויגן זעען נישט און דער ווינט טראָגט קיין רייכעס נישט אָן, טאָ ווי וועסטו דערקענען דעם סוינעס אָנ־קום? דאָ קען נאָר דער אינסטינקט העלפן. מײַן טאַטע האָט אין דער פינצטערסטער נאַכט דערשפירט די נאָענטקייט פון אַ כאַיע. ער פלעגט אין אַזעלכע פאַלן אַראָפּקריכן פון בוים, זעצן זיך מיטן רוקן צום שטאַם, עס זאָל אויף אים קיינער נישט אָנפאַלן פון הינטן. איך בין געזעסן אויף זײַנע קני און ער האָט געהאַלטן דעם צינגל פון ביקס גרייט צום שיסן און גע־זונגען פאַרבענקטע ניגונים און מיך אַזוי אַרום באַרויִקט.

איין מאָל בײַ נאַכט זענען מיר געזעסן הויך אויף אַ בוים. פלוצלונג האָט דער טאַטע געזאָגט:

— מיר גלוסט זיך צו זינגען. לאָמיר אַראָפּלאָזן זיך אונטן אונטערן בוים.

— פאַר וואָס זאָלסטו נישט זינגען דאָ?

— דאָ בין איך אומרויִק, לאָמיר זיך אַראָפּלאָזן. דו האָסט דאָך נישט קיין מוירע, עמעס?

www.libtool.com.cn

— ניין.

— אונטן וועט אונדז קיינער נישט רירן.

מיר האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און געשיצט זיך די רוקנס מיטן שטאַם פון בוים, דער טאַטע האָט זיך צעזונגען:

— די לעוואָנע קלײַבט אויף דאָס שווײַגן מיט זילבערנע הענט...

ער האָט עטלעכע מאָל איבערגעכאַזערט די דאָזיקע ווערטער.

— אין פינצטערער נאַכט וועקט אויף זיך דער שלאָפּנ־דער... — האָט ער הויך אַ זונג געטון און אָנגעשפּאַרט די ביקס אויפן אַקסל און אויסגעשאָסן. אַ שרעקלעכער יאָמער האָט גע־שפּאָלטן די שטילקייט פון דער נאַכט. דער יאָמער איז אַרי־בער אין אַ ווילד רעווען. דאָס רעווען האָט זיך געהערט אַלץ נענטער און נענטער, אַ צאָרנדיקס, אַ שיפען ווי אַ שיפּען פון אַ שלאַנג.

דער טאַטע האָט נאָך אַ מאָל אויסגעשאָסן און צוגעוואַרט. איצט האָט מען שוין קיין קלאַנג נישט געהערט, און דער טאַטע האָט רויִק אַוועקגעלייגט די ביקס.

— איצט איז דאָס יונגע טיגערל טויט — דאָט ער גע־זאָגט, — און קיינער וועט אונדז בײַ נאַכט נישט באַאומרויִקן. מיר קענען רויִק שלאָפן.

צו מאָרגנס, ווען מיר זענען אַראָפּ פון בוים, האָבן מיר דערזען, אַז דאָס איז געווען נישט אַ יונגער טיגער, נאָר אַ גרויסע און שוואַרצע פּאַנטערע.

— טאַטע, — האָב איך געזאָגט, — פון וואַנען האָסטו געוווּסט, אַז זי איז אַזוי נאָענט, און ווי האָסטו געקענט איר טרעפן אין דער פינצטער?

— ווען די זון לײַכט, זעסטו אַ שאָטן פון בוים אויף דער ערד. לערן זשע זיך אויס צו הערן דעם שאָטן פון קלאַנג, וואָס טראָגט זיך איבערן וואַלד. — האָט ער געענטפערט.

איין מאָל אין דער פרי האָבן מיר זיך דורכגעריסן דורך די געדיכטענישן פון די דזשונגלען, דער טאַטע איז אַ ביסל אָפּגעשטאַנען און איך הער, ווי ער שרײַט צו מיר:

www.libtool.com.cn

— וואַרט אונטער! פאַר אונדז איז אַ טיגער. זעסט, דאָ איז ער אַדורכגעגאַנגען און איבערגעלאָזט זײַנע שטרײַפֿן אויפֿן טוי.

און װירקלעך: דאָ און דאָרט האָט דער טיגער אָפּגע־שאָקלט דעם טוי פֿון די שטענגלעך — איבערן פּײַכטן גראָז האָבן זיך געשלענגלט טרוקענע שטרײַפֿן, און װײַטער האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף איין אָרט, וווּ דאָס טרוקענע גראָז האָט זיך געטונקלט מיט אַ גרויסן און קײַלעכיקן פֿלעק.

— דאָס האָט דער טיגער אַ מאַך געטון מיט זײַן עק און אָנגעצייכנט אַ קרײַז איבער דעם באַטויטן גראָז, — האָט דער טאַטע געזאָגט.

װײַטער איז דאָס גראָז געװען אַ ביסל צוגעקוועטשט, אַזוי ווי עמעצער וואָלט דאָ אַװעקגעשטעלט אויף דער ערד אַ קײַשל. דער טאַטע האָט דערקלערט:

— דאָס האָט דער טיגער אָפּגעפּרישט זײַן מאָרדע אין נאַסן גראָז.

— לאָמיר בעסער פֿאַרקערעווען אַהער, — האָב איך גע־זאָגט, — ער וואָרט דאָך ערגעץ אויף אונדז.

— ניין, מײַן פּאַכדנדל. ער וואַרט גאָר נישט אויף אונדז: ער ליגט אין זײַן נאָרע און איז גאַנץ זאַט. ער וועט איצט קיינעם נישט רירן.

— פֿון וואַנען ווייסטו?

— ער האָט זיך געפּיעשטשעט אין פֿרישן גראָז. אַ הונ־געריקע כאַיע וועט נישט גיין זיך פֿרייען מיט דער פֿרימאָרגנ־דיקער קילקייט.

אָבער קוים זענען מיר אַריבער צוויי־דרײַ הונדערט טריט, האָט זיך צו אונדז דערטראָגן אַ שטיל וואָרטשען. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווידער דאָס זעלבע וואָרטשען, נאָר אַ ביסל װײַטער. דער טאַטע האָט באַמערקט:

— זײַן מאַיעסטעט האָט נאָך נישט דערגרייכט צו דער נאָ־רע. ער גיט אַ צייכן מיט דעם וואָרטשען, מען זאָל פֿאַר אים אָפּרײַניקן דעם וועג.

www.libtool.com.cn

— ער גייט זייער פּאַמעלעך — האָב איך געזאָגט.

פלוצלונג האָט דער טאַטע געדעמפּט די שטים, געשעפּטשעט, ביז ער האָט מער גערעדט מיט זשעסטן, ווי מיט ווערטער. נאָר מענטשן, וואָס האָבן אַ סאַך צײַט פאַרבראַכט צוזאַמען, קענען זיך פאַרשטענדיקן מיט דער שפּראַך פון שווײַגן.

— ער האָט זיך אַזוי אָנגעגעסן, אַז ער איז געוואָרן כוצ־פּעדיק — האָט דער טאַטע געשעפּטשעט. — ס'אַרט אים נישט, צי מען זעט אים, צי נישט. ער איז אויפגערעגט און ס'איז גליי־כער אים נישט צו רירן.

איך האָב זיך צוריקגעצויגן.

— שטיי רויִק — האָט דער טאַטע געמורמלט — אַנישט וועט ער דערהערן.

— איך טרעט דאָך שטיל...

— כאַיעס האָבן אַ שאַרפן געהער. ער וועט מיינען, אַז מיר האָבן זיך פאַר אים דערשראָקן, דעריאָגן אונדז און דערהאַרגענען. שטיי אויפן אָרט. ביז ער וועט אַוועק ווײַטער.

אַזוי זענען מיר געשטאַנען, נישט רירנדיק זיך און נאָכגע־קוקט דעם געשטרײַפטן טיגער.

איין מאָל, געדענק איך, זענען מיר מיטן טאַטן פאַרקראָכן צו אַ קוואַל. מיר זענען געווען דערשוויצט, און פאַרמאַטערט און געווען גליקלעך צו קענען שטילן דעם דורשט. מיר האָבן נישט באַוויזן צו געבן אַ צענדליק שלונגען, ווי מיר דערהערן האַרט לעבן זיך עמעצנס אַ כראַפּען פון שלאָף. מיר קוקן זיך אַרום און דערזען באַלד צוויי טיגער־קינדערלעך. זיי האָבן זיך דערשראָקן פאַר אונדז און אָפּגעשפּרונגען, צודריקנדיק זיך מיט די בײַכער צו דער ערד. באַלד האָבן מיר אויך דערהערט נאָך אַ כראַפּען, אָבער אַ העכערס.

— קום אַוועק! — האָט דער טאַטע אַ שעפּטשע געטון.

די טיגערלעך זענען געגאַנגען נאָך אונדז.

אונדז האָט זיך געגלוסט זיי כאַפּן, אָבער מיר האָבן גע־וווסט, אַז די טיגעריכע איז נאָענט און בײַם ערשטן געשריי פון אירע קינדערלעך וועט זי זיך וואַרפן אויף אונדז. צום קאָמישסטן

www.libtool.com.cn

איז געווען, וואָס איינס פון די טיגערלעך איז אונטערגעלאָפן און צוגעשפרונגען צו מיר ווי אַ היימיש הינטל. זײַנע נעגל האָבן מיר דורכגעריסן דעם אָנצוג און צעקראַצט די הויט. פון איבערראַשונג האָב איך זיך געוואָרפן אויף אים און אַ האַק געטון מיט דער האַנט. דאָס טיגערל האָט אַ פּישטשע געטון, און אין דער זעלבער רעגע איז די טיגעריכע אַרויס פון דער נאָרע.

— אויפן בוים אַרויף! — האָט דער טאַטע אַ שעפּטשע געטון — זי גייט!

די טיגעריכע זי איז אַרויס און אַ קוק געטון אויף די טיגערלעך. זיי האָבן זיך געוואָרפן צו איר און צוגעטוליעט צו אירע זײַטן. און דאָ האָט זי פּלוצלונג אָפּגעשטויסן פון זיך איינס פון די קינדער — דעם זעלבן, וואָס איז אויף מיר אַר.יפגעשפּרונגען — און האָט אים אָפּגעלעקט אויף ריין. ווי אַזוי האָט זי געקאָנט וויסן, וועלכער פון די טיגערלעך האָט זיך צוגערירט צו מיר?

— דו האָסט געזען, ווי די טיגעריכע האָט אַרומגעוואַשן איר קינד? — האָט מיך דער טאַטע געפרעגט, ווען די טיגערס זענען אַוועק.

— יאָ, פאַר וואָס האָט זי דאָס געטון?

— דאָרט, ווו דו האָסט זיך צוגערירט צו אים מיט דער האַנט, איז געבליבן אַ רייעך פון אַ מענטשלעכן קערפּער. זי האָט אים אָפּגעלעקט, קעדיי אָפּצווישן דעם פלעק.

— ס'וואָלט געווען גלײַך זיך אַראָפּצולאָזן און אויקער זײַן פון דאַנען — האָב איך געזאָגט, — אַנישט וועט נאָך די געשטרײַפטע פּריצעטע אונדז אָפּוואַרטן בײַ נאַכט: זי ווייסט דאָך איצער זיכער, ווו מיר האָבן זיך באַהאַלטן.

מיר זענען אַראָפּ פון בוים און אַוועק.

— באַמי זיך, מײַן זון, — האָט דער טאַטע געזאָגט, — נישט אָנצורירן אונטער וועגס קיין שום זאַך. אַלץ וואָס דו רירסט אָן, פאַרהאַלט דעם שפּור און רייעך פון דײַן האַנט עטלעכע מינוט, און אַ מאָל אַפילע שאָען. די כאַיע יאָגט אָן אַ מענטשן לויט די שפּורן, וואָס דער מענטש לאָזט איבער אויפן וועג.

www.libtool.com.cn

## 13. אַ גליקלעכע באַגעגעניש

אויף אונדזערע וואַנדערונגען איבער די דזשונגלען איז אונדז נישט איין מאָל אויסגעקומען אָנצושטויסן זיך אויף סטאַדעס העלפאַנטן. איך האָב שטענדיק געקוקט מיט בענקשאַפט אויף די מאַכנעס ריזן און דערמאָנט מײַן קאַרין. דרײַ לאַנגע יאָר זענען אַריבער פון דער צײַט, ווי איך האָב אָנגעווירן מײַן טײַערן פרײַנד, אָבער איך האָב נישט אויפגעהערט צו באַווײנען מײַן אַווײדע. און אָט איז געקומען אַ טאָג, ווען איך האָב אים ווידער דערזען, דערזען אויף אַ קורצער ווײַל, קעדיי אים ווידער צו פאַרלירן!

מיר זענען געלעגן מיטן טאַטן, מיטן אויער צוגעלייגט צו דער ערד, און זיך צוגעהערט צו אַ ווײַטן גערויש. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ערגעץ ווײַט שפּאַנט אַ סטאַדע בופלאָקסן, אָבער דער טאַטע האָט געזאָגט:

— דאָס זענען נישט קיין בופלאָקסן, דאָס זענען העלפאַנטן. ווען ס׳באַוועגט זיך אַ סטאַדע בופלאָקסן, הערט מען אַ שורשען: זייערע טלאָען שנײַדן און רײַסן דאָס גראָז. ווען ס׳גייט אָבער אַ סטאַדע העלפאַנטן, ציטערט שטיל די ערד. דאָס דאָזיקע ציטערן הערט זיך פון דער ווײַטנס.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער קלאַנג קומט פון רעכטס. דער טאַטע האָט געזאָגט, אַז פון לינקס. ער איז לאַנג געלעגן, צוהערנדיק זיך צום וויגן זיך פון דער ערד און דערנאָך האָט ער אויסגערופן:

— מיר זענען ביידע גערעכט, מײַן זון! דער קלאַנג קומט אי פון רעכטס, אי פון לינקס. צוויי סטאַדעס דערנענטערן זיך צו אונדז פון פאַרשידענע זײַטן.

די קלאַנגען זענען געווען אַזוי נישט קלאָר, אַז מיר האָבן

www.libtool.com.cn

בישט געוווסט, וווהין צו אַנטלויפן. אין גיכן האָט זיך דערהערט אַ באַקאַנטער טראַסק און קנאַקן פון צווײַגן. אויף עטלעכע צענד־ליק טריט פון אונדז מיר דערזען די נעז פון העלפאַנטן, וואָס האָבן געבראָכן צווײַגן און צווײַגלעך פוןביימער. אין דער נאָענט איז נישט געווען קיין הויכע ביימער, וואָס מיר וואָלטן געקענט אויף זיי אַרויפקריכן. מיר זענען אויפגעשפּרונגען פון אָרט און געבליבן פאַרגליווערט, אָן באַוועגונג.

— לויף נישט און שרעק זיך נישט, — האָט געזאָגט דער טאַטע. — מירן שוין ווי ס'איז זיך ראַטעווען.

אָבער אין דעם מאָמענט האָט אַ מעכטיקער ער אונדז דער־זען, ער האָט זיך צעטרובעט און אַ לאָז געטון אויף אונדז. נאָך אים איז געלאָפן אַ צווייטער.

— פאַרויס! — האָט אויסגערופן דער טאַטע. — אויף אַ בוים!

איצט איז געווען צו שפּעט צו לאָזן אין גאַנג די ביקס. אַ ריזיקע שוואַרצע מאַסע האָט זיך געטראָגן נאָך אונדז. די ערד האָט געציטערט אונטער דעם העלפאַנטס מאַסע. ער האָט אונדז דעריאָגט און מיר האָבן נישט געקאָנט לויפן גיכער פון אים.

און פּלוצלונג האָט נאָך אַ העלפאַנט אונדז איבערגעיאָגט, אויסגעדרייט זיך און געשטעלט צווישן אונדז און אונדזער פאַר־פאָלגער. דער צוזאַמענשטויס איז געווען אַ שרעקלעכער. מיר האָבן געזען, ווי זײַנע גרויסע ציין האָבן זיך אײַנגעשניטן אין קערפּער פון צווייטן העלפאַנט. דער קלאַפּ האָט יענעם אַוועקגעוואָרפן אָן אַ זײַט, אָבער מיר זענען געווען געראַטעוועט: מיר האָבן באַוויזן זיך אַרויפצוכאַפּן אויף אַ בוים און באַהאַלטן זיך אין זײַנע צווײַגן.

די סטאַדע העלפאַנטן אונטן האָט געווילדעוועט. איך האָב צעשאַרט די צווײַגן און דערזען, ווי אַן אַלטער ער רעכנט זיך אָפּ מיט אונדזער רעטער. ער האָט גיך געוווּנען די איבערהאַנט איבער דעם יונגן העלפאַנט, און דער לעצטער האָט זיך אויסגע־דרייט צו אונדז מיט זײַן בלוטנדיקער נאָז.

— קאַרי! — האָב איך אויסגעשריגן, אָבער דעם טאַטנס האַנטפלאַך האָט מיר פאַרשטאָפּט דאָס מויל.

www.libtool.com.cn

בײַם אויסגעשרײַ „קאַרי!״ האָט דער העלפֿאַנט זיך אומגעקוקט, אָבער נישט זעענדיק קײנעם, האָט ער זיך נאָכגעשלעפּט נאָך דער סטאַדע.

— קאַרי! ענדלעך האָט ער זיך געפֿונען! — האָב איך נאָך אַ מאָל געזאָגט, װען די געפֿאַר איז אַריבער. און ער האָט מיך נישט פֿאַרגעסן, ער געדענקט, ער האָט זיך אומגעדרײט!

קײנער װאָלט מײַן פֿרײד בעסער נישט פֿאַרשטאַנען װי מײַן טאַטע, ער האָט מיך פֿעסט צוגעדריקט צו זײַן ברוסט און געזאָגט:

— כאַרי, ער װעט זײַן דײַנער. איך װעל אים דיר אומקערן, ייִנגל.

איך בין נאָך קײן מאָל אין לעבן נישט געװען אַזױ אויפֿגערעגט װי איצט. צװײ אָדער דרײַ טעג נאָך דעם זענען מיר געגאַנגען אויף די שפּורן פֿון די העלפֿאַנטן. די ערשטע עטלעכע שאָ האָבן אונדז דער װעג געװיזן די טראָפּנס בלוט, װאָס קאַרי האָט אַראָפּגעטריפֿט אויפֿן גראָז. דערנאָך האָבן מיר אויסגעקליבן דעם װעג לױט די צװײַגן פֿון די בײַמער. װוּ די צװײַגן זענען געװען אָפּגעבראָכן אויף אַ הויך פֿון דרײַ מעטער, דאָרט זענען זיכער נישט לאַנג צוריק אַדורכגעגאַנגען העלפֿאַנטן. בײַ די קװאַלן און שטראָמען האָבן מיר לױט די אָפּדרוקן אויפֿן פֿײַכטן זאַמד דערקענט, װוּהין די סטאַדע האָט פֿאַרקערעװעט.

אַזױ זענען מיר נאָך די העלפֿאַנטן געגאַנגען אויף צאָפֿן, ביז זײ האָבן זיך נישט באַהאַלטן אין די בערג. און אָט האָט דער טאַטע נאָך לאַנגע װאָכן אַרומשלעפּן געזאָגט

— אונדזערע זוכענישן זענען אומזיסטע. מיר װעלן זײ מוזן אָפּלײגן ביזן קומענדיקן יאָר. איצט איז די סטאַדע אַװעק אויף זומער װײַט אין די בערג און אונדז בלײַבט אײן זאַך — װאַרטן ביז זי װעט זיך אומקערן אין אַ יאָר אַרום, און דעמאָלט װעלן מיר אויפֿזוכן אונדזער קאַרי!

www.libtool.com.cn

## 14. אונדזערע געיעגז

ס'איז געקומען דער פרילינג און צוזאַמען מיט אים אונדזערע האָפנונגען. ענדלעך, האָב איך געטראַכט, וועלן מיר אַוועק אויפזוכן אונדזער אַלטן פרײַנד. אָבער דער טאַטע האָט זיך עפּעס נישט געאײַלט. ווי פיל איך האָב אים אַלץ געמאַטערט מיט מײַנע פראַגן, האָט ער מיר גאָר נישט געענטפערט.

ביז דער צײַט זענען מיר געגאַנגען אויף געיעג אויף אייגענער ריזיקע און שרעק און דערנאָך פאַרקויפט די פעלן צו די סאָכרים, וואָס זענען געקומען צו אונדז אין שטאָט אַרײַן, אָבער איצט זענען מיר אַוועק צו ווײַט פון די אַלטע ערטער, אַוועק צו מיזרעך, ווו אַרום די ברעגעס פון אַ טײַך האָבן זיך צעלייגט דערפער און שטעטלעך. פון דאַנען פלעגן אַוועק אין וואַלד אַרײַן גרויסע אָפּטיילן פון יעגערס און מיר האָבן זיך פאַרדונגען צו זיי פאַר פירערס. אין גיכן האָט דער רום וועגן אונדזער קונסט זיך פאַרשפרייט אין דער גאַנצער געגנט. צוגעפאָרענע יעגערס האָבן נישט געוואָלט קיין אַנדערע פירערס. צום אָפטסטן זענען דאָס געווען ענגלענדער. טייל פון זיי האָבן געדינט אין אונדזערע שטעט, אַנדערע זענען געקומען אַפילע פון איבערן יאַם. זיי האָבן געבראַכט מיט זיך אַזעלכע מאָדנע ביקסן, גאַנצע קעסטלעך מיט פאַרשידענע מינים. נישט איין מאָל איז אונדז אויסגעקומען צו פירן אויף געיעג אונדזערע אינדישע פירשטן — מאַהאַראַדזשאַס. זיי פלעגן קומען פון אונטערשטן לויף פון טײַך אויף אויסגעפוצטע העלפאַנטן מיט אַ גאַנצער סוויטע. די העלפאַנטן האָבן געהאַט באַגילדטע ציין, אָנגעמאָלט די אויערן און קעפ. אויפן האַלדז בײַ זיי זענען געזעסן דינערס און הינטער זיי אויסגעפוצטע כאַודאַכן, אין וועלכע ס'זענען געזעסן די מאַהאַראַדזשאַס אין פרעכטיקע קליידער און אין טורבאַנען, וואָס זענען

www.libtool.com.cn

געווען אויסגעזעצט מיט טײַערע שטײַנער. די מאַהאַראַדזשאַס האָבן געפירט מיט זיך מאַכנעס האַלבנאַקעטע אָנטרײַבערס מיט גרויסע פויקן. אין וואַלד האָבן די אָנטרײַבערס זיך צעשאָטן אין אַ קייט צו צוויי און מיט אַ שרעקלעכן ליאַרעם געטריבן די כאַיע גלײַך אויפן יעגער.

די שטאָטישע מענטשן האָבן מיט זיך געברענגט אין דזשונגל אַרײַן געצעלטן און פויקן. די דזשונגל האָט אירע קוילעס: פויגלשע צוויטשערײַען, דאָס רעווען פון אַ טיגער, טראַסקערײַען פון מאַלפּעס, וואָיענישן פון שאַקאַלן. אָבער פויקן־קלאַפערײַ איז געווען דער מיִעסטער קלאַנג, וואָס מיר איז אויסגעקומען צו הערן אין מײַן לעבן.

און אויך דער געיעג איז בײַ די שטאָטלײַט געווען אַן אַנדערער. אויף געיעגן האָבן זיי מיט גאָר נישט ריזיקירט. די גאַנצע ריזיקע איז געווען אויף דער זײַט פון דער כאַיע. אַזאַ געיעג פּאַסט זיך פּאַר אַ פּאַכדן. מיר האָבן די געיעגן מיטגעמאַכט מיט זיי, געהאָלפן דערהאַרגענען די כאַיע, אָבער אַזעלכע געיעגן זענען מיר נישט געפעלן געוואָרן.

באַגינען האָבן זיי מיך מיטן טאַטן געשיקט אויף אויספּירונגען. אַ מאָל פלעגן מיר שאָען לאַנג אַרומבלאָנקען איבערן וואַלד, קעדיי צו דערגיין, ווהין די כאַיעס זענען אַוועק. דערנאָך האָט געדויערט אַ פינף — זעקס שאָ ביז מיר האָבן זיך דערקליבן צוריק צום לאַגער. ווי נאָר ס׳ווערט פינצטער, לייגט זיך דער לאַגער שלאָפן, און אַרום פיר באַגינען, נאָך אַ קליינעם פרישטיק, לאָזן זיך די יעגערס אַהין צו דעם אָרט, ווו מיר האָבן נעכטן אַנטדעקט די כאַיע. אַ מאָל פלעגט זיך אָנקלײַבן ביז אַ צוואָנציק יעגערס. זיי זענען געריטן אויף העלפאַנטן, פון וועלכע מען האָט, פאַרשטייט זיך, אַראָפּגענומען די געוויינלעכע באַפּוצונגען. בלויז די שטרויענע אונטערבעטעכץ און פּראָסטע הילצערנע כאַודאַכן זענען געווען צוגעבונדן צו די רוקנס פון די העלפאַנטן. דער דאָזיקער גאַנצער צוג איז געגאַנגען מיט איין וועג, און מיר מיט די אָנטרײַבערס — מיט אַ צווייטן.

מיר זענען געגאַנגען צו צוויי, אויסציענדיק זיך איבער דער

www.libtool.com.cn
דזשונגל אין אַ לאַנגער קייט, און געיאָגט די כאַיע פאָרויס מיט אַ פויקערײַ. פון צײַט צו צײַט האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און אויפגעהויבן אַ ליאַרעם. דאָס האָבן באַלד אונטערגעכאַפּט אַלע אַנטרײַבער, וויפל זיי זענען געווען, און דער ליאַרעם האָט אויפגעטרייסלט די דזשונגל. די כאַיעס האָבן זיך אַ ריס געטון פון די ערטער, געגומען זיך וואַרפן און זוכן אַ באַהעלטעניש. זיי האָבן זיך באַמיט צו אַנטרינען פון דעם פויקערײַ און די מענטשלעכע געשרייען און געלאָפן גלײַך אויף די יעגערישע ביקסן.

אַרויסטרײַבן אַ כאַיע פון די קוסטעס און די נאָרעס איז געווען אַ געפערלעכע זאַך. איך געדענק, אַז איין מאָל איז מיט מיר געשען אַזאַ שווערער פאַל. איך בין געווען אַליין מיט די אַנטרײַבערס, פלוצלונג דערהערן מיר אַן אומדערוואַרטעטן כראַפּען פון אונטער די קוסטעס און אַ צוויי טריט פון אונדז. דער פויקער האָט אויפגעהערט צו פויקן, ער איז פאַרגליווערט געוואָרן און געטרייסלט זיך פון שרעק. ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר, פרעגנדיק מיטן בליק, וואָס פאַר אַ כאַיע ס'איז דאָס הינטער די קוסטעס.

— דאָס איז אַ בופלאָקס, — האָב איך געזאָגט. — קלאַפּ פויק!

ער האָט אַ פויק געטון איין מאָל, צוויי מאָל, אָבער דער קלאַנג איז פאַרטויבט געוואָרן פון ווילדן רעווען פון בופלאָקס. דער אַנטרײַבער האָט אַוועקגעוואָרפן דעם פויק און געלאָזט זיך לויפן — איך בין געבליבן אויג אויף אויג מיטן בופלאָקס אין מיטן דזשונגל. דורך די פינצטערע קוסטעס האָב איך דײַטלך דערקענט די מיט בלוט אָנגעגאָסענע אויגן און פאַרדרייטע הערנער. קיין איין גרעזל האָט זיך נישט באַוועגט. קיין שום ריר האָט נישט פאַראַטן די קאַוואָנעס פון דער ווילדער כאַיע. איך האָב זיך אָנגעבויגן און אויפגעהויבן די שטעקעלעך פון דער פויק, וואָס דער פויקער האָט אַוועקגעוואָרן. צווישן מיר און דער כאַיע איז געווען בלויז איין מעכיצע: דער פויק, וואָס האָט געהאַלטן עפּשער אַ מעטער די ברייט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ס'איז גענוג, איך זאָל

www.libtool.com.cn

זיך איין ריר טון פון אָרט, און דער בופלאָקס וועט זיך וואַרפן אויף מיר און צעטרעטן מיך אויף טויט. מיר ביידע האָבן געציטערט פון שרעק. יעדער פון אונדז האָט אָפּגעוואַרט, געוואָלט זען, וואָס דער קעגנער וועט טון. איך האָב געזען דאָס מעשוגאַס אין די אויגן פון בופלאָקס, און מײַן גאַנץ געווער איז באַשטאַנען פון – איין מעסער. וואָס טוט מען דאָ?

און אָט בייגט ער אַראָפּ דעם קאָפּ און וואַרפט זיך אויף מיר. איך האָב פון אַלע קויכעס גענומען קלאַפּן אין דער פויק. דער בופלאָקס איז געבליבן שטיין פאַרשטאַרט אויפן אָרט. איצט האָט זיך זײַן קאָפּ אַרויסגערוקט פון הינ-טער די קוסטעס און איך האָב דערזען אַ באַוואַקסענעם שפּיץ קאָפּ. אויב אַ קלאַפּ צו טון מיט אַ מעסער, איז צום בעסטן צו טרעפן אין דעם אָרט, ווו ס'הייבט זיך אָן די גריווע. אָבער איך האָב זיך נישט געקענט באַשליסן. איצט האָט ער זיך גע-לאָזט צו מיר, ריכטיקער צו דעם פעסל, וואָס איז געווען אַרומגעצויגן מיט אַ פעל. ער איז צנגעגאַנגען און אײַנגע-זאַפּט אין זיך דעם רייער. איך האָב זיך געוואָרפן אויף דער ערד און זיך באַהאַלטן הינטער דער פויק. אין דער מינוט, ווען ער האָט מיט זײַנע נאָזלעכער זיך צוגערירט צו דער שטײַף אָנגעצויגענער פעל, האָב איך ווידער אַ פויק געטון פון מײַן זײַט. דער בופלאָקס האָט זיך צוריקגעצויגן און איז פאַרשוווּנדן הינטער די קוסטעס.

אָבער דאָס איז נאָך נישט געווען די גאַנצע רעטונג. איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז גענוג, איך זאָל אויפשטיין און ווײַזן זיך אים אויף די אויגן, און ער וועט באַלד פאַרגעסן אין דער פויק. איין זאַך איז מיר געבליבן: איך האָב גע-קײַקלט די פויק ווי אַ פעסל, באַהאַלטנדיק זיך הינטער איר די גאַנצע צײַט. איבער די קוסטעס איז אַדורך אַ גערויש – דאָס האָט באַטײַט, אַז דער בופלאָקס איז אַזוי איבערגעשראָקן אַז די הויט אויף אים ציטערט. איך האָב געקריגן מער מוט. אין דער זעלבער רעגע האָט ער מיט אַ ווילד רעווען זיך גע-וואָרפן פאָרויס – איך בין באַצײַטנס אָפּגעשפּרונגען פון דער

www.libtool.com.cn

פויק און מיך האָט גענומען צום לאָכן טראָץ דער געפאַר:
ער האָט אַ שטויס געטון אין אַ זײַט פון דער פויק און אַ
טרײַב געטון דאָס פעסל פאָרויס. דאָס פעסל האָט זיך אַ קײַקל
געטון און נישט געלאָזט זיך אָנכאַפּן פון זײַנע הערנער. איך
האָב אויסגענוצט דעם מאָמענט און בין אַרויפגעקראָכן אויף
אַ בוים. פון דאַנען האָב איך געזען, ווי די שאַרפע טלאָען
שנײַדן דאָס גראָז, ווי ס'קײַקלט זיך די פויק.

ענדלעך האָט דער בופלאָקס זיך אָפּגעשטעלט. ער האָט
זיך פאַרמאָסטן און אַ קלאַפּ געטון אין דער פויק פון דער
צווייטער זײַט. די פעל האָט געפּלאַצט און די כאַיע האָט זיך
אַ וואָרף געטון מיט דער פויק אויפן קאָפּ. ער האָט זיך גע-
יאָגט, ברעכנדיק די קוסטעס פון איין זײַט צו דער אַנדרער,
אָבער ער האָט נישט געקענט אַראָפּוואַרפן די פויק פון זײַנע
הערנער. אָט האָט ער צעריבן דעם קוסט, וואָס איז פריִער אַ
רעגע געווען צווישן מיר און אים און האָט זיך אָפּגעשטעלט
בײַם בוים אונטער מיר. ער איז איצט געווען האַרט אונטער
מיר. איך האָב געהערט זײַן שווער אָטעמען. דאָ איז מיר אײַנ-
געפאַלן אַ נאַרישער געדאַנק, איך האָב זיך אײַנגעבויגן און
מיט דער פויסט אַ פויק געטון אין דער פויק. די כאַיע האָט
זיך צעוואָיעט און מיט דער גרעכטער ווילדקייט אַרויף אויפן שטאַם
פון בוים. די פויק איז זיך צעפלויגן אויף שטיקער און צו-
זאַמען מיט זיי איז אויך צעבראָכן געוואָרן איינער פון דעם
בופלאָקס הערנער. מיט אַ ווילדן געוואָי איז דער בופלאָקס
פאַרשוווּנדן אין די קוסטעס.

איך בין אַראָפּגעקראָכן פון בוים און געלאָפן אַהין, פון
וואַנען ס'האָבן זיך דערטראָגן קוים געהערטע געשרייען פון
די אָנטרײַבערס און אַ שטיל פויקן, ווי אַ זשומען פון מוקן.

www.libtool.com.cn

## 15. מיר זוכן דעם פרײַנד

קורץ נאָך דעם פאַל מיטן בופלאָקס האָט דער טאַטע געזאָגט צו מיר:

— נו, מײַן זון, ס'איז געקומען די שאָ. ס'איז געקומען דער האַרבסט, און די העלפאַנטן וואַנדערן אַריבער פון צאָפן אויף דאָרעם. איצט דאַרפן מיר זיך פאַר־קלײַבן טיפער אויף צאָפן און אָפּוואַרטן בײַ די קוואַלן פון טײַך בראַמאַפּוטראַ, וואָס פון דאָרטן הייבן די העלפאַנטן אָן זייער האַרבסטיקן מאַרש. עפשער וועלן מיר דאָ אויסגעפינען אונדזער קאַרין. אין אַ סטאַדע אָדער איינער אַליין, ער מוז דאָרטן דורכגיין. איך האָב אָפּגעשמועסט מיט דרײַ ענגלענדער, וואָס גייען אויף געיעג אויף כאַיעס און שטאָפּן אויס די גופים פאַר מוזייען. מיר וועלן זײַן פאַר זיי וועגווײַזערס און דערפאַר וועלן זיי אונדז העלפן כאַפּן אונדזער העלפאַנט.

ווי גליקלעך בין איך געווען, ווען מיר האָבן זיך גע-לאָזט אין וועג אַרײַן! מיר האָבן געפירט מיט זיך דרײַ גו-טע ביקסן און אַ פינף הונדערט פעסטע רימענס. דאָס אַלץ איז געווען אָנגעלייגט אויפן רוקן פון א העלפאַנט, וואָס די ווײַסע יעגער האָבן געבראַכט מיט זיך.

— אויף צאָפן! — האָב איך האַרצן געכאַזערט. — אויף צאָפן! מיר וועלן דיך אין גיכן געפינען, קאַרי!

אין אַ ציוויי וואָכן אַרום, אין די ערשטע טעג סעפּטעמ-בער, האָבן מיר דערגרייכט דעם אויבערשטן לויף פון בראַמאַ-פּוטראַ. פון ווײַטנס האָט מען געזען די שנייִקע שפּיצן פון די הימאַלאַיען. אונטן, אונטער אונדז, האָט גערוישט דער טײַך. איבער אים האָבן געשוועבט אָדלערס. דער טאַטע האָט גע-זאָגט צו מיר:

www.libtool.com.cn

— נעם אַ ביישפּיל פון דעם פויגל. ער הייבט זיך אויף הויך איבער דער וועלט און זעט דאָס קלענסטע קערנדל אין גראָז. אַזוי זאָלסטו אויך קוקן, אַז דײַן האָריזאָנט זאָל זײַן ברייט און זאָלסט קענען אַרײַנדרינגען אין די קלענסטע דערשײַנונגען פון לעבן.

איך האָב דעמאָלט נישט פאַרשטאַנען די ווערטער, אָבער כ'האָב זיי גוט פאַרגעדענקט, וואָרעם איך האָב געגלייבט אין טאַטנס חכמה.

אַ גאַנצע נאַכט האָבן מיר פאַרבראַכט אין דער געגנט. די ענגלענדער האָבן אַראָפּגעשאָסן אַ סאַך כאַיעס פאַר זייערע מוזייען, אָבער קיין העלפאַנטן האָבן מיר נישט געטראָפן. איך בין געוואָרן טרויעריק געשטימט, אָבער דער טאַטע איז געבליבן רויִק.

— אויב זיי וועלן גיין אויף דאָרעם, וועלן זיי נישט אויסמײַדן דעם וועג, — האָט ער געזאָגט, און איך בין אַנטשוויגן געוואָרן.

אויף אונדזערע זוכענישן האָבן מיר זיך אַ מאָל אָנגעשטויסן אויף אַ פּיטאָן. דאָס איז געשען נאָכן מיטאָג. די יעגערס זײַנען געפאָרן פריִער אויף דעם העלפאַנט, און איך מיטן טאַטן, צו פוס, זענען געווען אַ ביסל אָפּגעשטאַנען. מיר האָבן שטענדיק געלאָזט דעם העלפאַנט פאָרויס: מיט זײַן כאַיעשן אינסטינקט האָט ער בעסער פון אונדז פאָרויסגעפילט דעם וועג. דער וואַלד איז געווען אַ שיטערער, און מיר האָבן לויט די צווײַגן פון די ביימער דערקענט סימאָנים פון העלפאַנטן. דער וועג איז געגאַנגען באַרג אַרויף. דער העלפאַנט האָט נישט געקענט אויף אַ סאַך אונדז איבעריאָגן, אָבער ווען ער איז אַריבער דעם רוקן פון באַרג, האָבן מיר אים אָנגעוווירן פון אויג. ס'איז שוין געווען פינצטער, און מיר האָבן צוגעאײַלט די טריט. אין דער צײַט האָט זיך צו אונדז דערטראָגן דעם העלפאַנטס געשרײַ: ער האָט געטרובעט יוי סע טרובעט אַ העלפאַנט אין אַ לעבנס-געפאַר. מיר האָבן זיך געוואָרפן פאָרויס. אַ שרעקלעך בילד האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונדזע-

www.libtool.com.cn

רע אויגן. אַ ריזיקער פּיטאָן האָט זיך אַרומגעװיקלט אַרום די פֿאָדערשטע פֿיס פֿון העלפֿאַנט און באַמיט זיך אַרױפֿצוקריכן העכער און העכער, ציִען זיך ביז דער כאַיעס רוקן, װאָס אויף איר זענען געזעסן די מענטשן. די יעגערס האָבן זיך נישט געקענט אָפּװערן פֿון פּיטאָן, אַפֿילע זיי װאָלטן אַרויף אויף אַ בוים, װאָלט דער פּיטאָן זיי דאָרט אויך געפּאַקט. שיסן אין דער שלאַנג אַרײַן איז געװען געפֿערלעך: זי האָט מיטן קאָפּ זיך געטוליעט האַרט צום העלפֿאַנטס זײַט. דער העלפֿאַנט האָט פּאַרריסן די נאָז הויך אַרויפֿצו, ער האָט געװוסט, אַז דעם פּיטאָנס קערפּער איז שטאַרקער פֿון שטאַרקסטן העלפֿאַנטס נאָז און ער האָט צו מאָל נישט געפּרוװט צו ראַנגלען זיך. ער האָט בלויז באַמיט זיך אויסצוגלײַכן די פֿיס, אָבער נאָך זײַן יעדער באַװעגונג האָט דער פּיטאָן נאָך ענגער צוגעדריקט זײַנע רינגען.

— פֿאָרויס! — האָט דער טאַטע אויסגעשריגן. — זאָל זיך דער פּיטאָן װאַרפֿן אויף אונדז!

ער איז געװען זיכער, אַז װי נאָר דער העלפֿאַנט װעט באַפֿרײַען זײַנע פֿיס, װעט ער צודריקן די שלאַנג.

מיר האָבן זיך געװאָרפֿן פֿאָרויס און אָפּגעשטעלט פֿון הינטן נישט װײַט פֿון העלפֿאַנט. דער פּיטאָן האָט אונדז דערזען און גענומען אָפּװיקלען זײַנע רינגען פֿון די פֿאָדערשטע פֿיס פֿון העלפֿאַנט און ארומגעװיקלט זיך אַרום זײַנע הינהינטערשטע. איך האָב אויסגעצויגן צו אים אַ שטעקן, און דער פּיטאָן האָט אים צוגעדריקט מיט זײַנע קינען.

— מען דאַרף נישט, ריר נישט, אַנטלויף! — האָבן געשריגן די יעגערס פֿון אויבן.

אָבער איך האָב דערזען, אַז דער העלפֿאַנט גיט זיך אונטער; זײַנע פֿאָדערשטע פֿיס זענען װי פּאַראַליװערט געװאָרן, און ער האָט אָנגעהויבן פּאַמעלעך זיך אַראָפּצורוקן אויף דער ערד, װי אַ באַרג. נאָך אַ ביסל און ער װעט אַנידערפֿאַלן. איך האָב געכאַפּט מײַן בויגן און אויסגעשאָסן אין שלאַנגס קאָפּ, אָבער כ'האָב נישט געטראָפֿן: די פֿײַל האָט נאָר צעקראַצט דעם העלפֿאַנטס פֿיס. דער פּיטאָן האָט צעעפֿנט זײַן ראכן, און

www.libtool.com.cn



...אַ ריזיקער פּיטאָן האָט זיך אַרומגעוויקלט אַרום זײַנע
פֿאָדערשטע פֿיס.

www.libtool.com.cn
דער שטעקן איז פון אים אַרויסגעפאלן אויף דער ערד. אין דער רעגע האָב איך נאָך אַ מאָל אויסגעשאָסן: די פייל איז פאַרשוווּנדן אין דער שלאַנגס צעעפנטן ראַכן. דעם פּיטאָנס קערפּער האָט זיך אויסגעגלייכט, ווי אַן אָפּגעלאָזטע פּרוזשינע, ער האָט זיך געלאָזט נאָך אונדז, אָבער דער העלפאַנט האָט באַוויזן אַרויפצוטרעטן אויף אים. דעם פּיטאָנס רוקן האָט אַ קנאַק געטון אונטער דער מאַסע פון טריט, ווי אַ ניס אין די ציין פון אַ מאַלפּע.

אין יענער נאַכט האָבן מיר צוגעבונדן דעם העלפאַנט צו אַ גראָבן בוים, צעצונדן אַ שייטער און נישט דערוועגט זיך איינצושלאָפן. מיר האָבן דערגרייכט צו דער געגנט פון די פּיטאָנען, און דאָ איז יעדע פאָרזיכטיקייט נישט איבעריק. אַרום האַלבער נאַכט האָט דער העלפאַנט ווידער זיך צעטרובעט. אַלע זענען אויפגעשפּרונגען אויף די פיס, אָבער דאָס איז נישט געווען קיין סיגנאַל פון געפאַר; מיט דעם געשריי האָט דער העלפאַנט צו וויסן געגעבן אַ סטאַדע פון זיינע ברידער: „אָהער גייט נישט! דאָ זענען מענטשן!

מיר זענען אוועק פאַזע דעם טייך, טאָפּנדיק אין דער פינצ-טערניש אין מיטן די געדיכטע וועלדער. פון אַ היגל, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן הויך אונטערן האָריזאָנט, האָבן מיר דערזען פון דער ווייט אַ שוואַרצן גערוישלאָזן קריכנדיקן פלעק. מיר זע-נען אים נאָכגעגאַנגען ביזן באַגינען, און ווען ס'איז טאָג געוואָרן, האָבן מיר דערזען. אַז קיין איינער פון די העלפאַנטן איז נישט ענלעך צו קאַרין.

אַזוי איז אַריבערגעגאַנגען אַ טאָג נאָך אַ טאָג און סטאַדעס העלפאַנטן זענען אונדז פאַרביי. ס'איז שוין געווען אין מיטן אָק-טאָבער. אונדזערע יעגער האָבן געענדיקט זייער אַרבעט, און אונדז איז נישט געבליבן קיין אַנדערע זאַך, ווי אומצוקערן זיך אַהיים. קאַרי איז ווי אין וואַסער אַריין...

www.libtool.com.cn

## 16. ווידער צוזאַמען

מיר זענען געווען ביטער אַנטוישט. מיר האָבן אַרויפגעלייגט אייפן העלפאַנט די פעלן פון די כאַיעס, וואָס מען וועט שפעטער אויסשטאָפּן און געלאָזט זיך אַהיים. אין גיכן איז דער וואַלד מיט די פיטאָנען געבליבן הינטער אונדז, און מיר זענען אַרויף אויף אַן אָפענעם פּלאַץ. דאָ האָבן די יעגערס אונדז באַפוילן פונאַנדערלייגן אַ פייער. זיי האָבן געוואָלט כאַפּן אַ צוויי דריי ווילדע העלפאַנטן. מיר האָבן אויפגעשטעלט אַ גאַנץ וועלדל פון ביימער, וואָס זייערע צווייגן האָבן די העלפאַנטן ליב צו נאַשן.

צווישן די דאָזיקע ביימער האָבן מיר אַרייַנגעשטעלט פּאַסטקעס — געווייינטלעכע פעטליעס באַהאַלטן אין גראָז, די עקן פון די רימענס זענען געווען צוגעבונדן צו גראָבע ביימער.

אַרום מיטן נאָוועמבער האָט זיך באַוויזן אַ סטאַדע העלפאַנטן. זיי האָבן זיך באַוויזן באַגינען, אָן אַ שום גערויש, אַזוי ווי אַ וואָלקן. די ערד האָט געציטערט אונטער זייער שווערקייט. דאָס מאָל האָבן מיר פריער אַוועקגעפירט אונדזער העלפאַנט אַ ביסל ווייטער, ער זאָל נישט איבערשרעקן די לאַנג דערוואַרטעטע געסט. אין גיכן זענען די העלפאַנטן צוגעקומען צו אונדזער וועלדל. צוערשט אַ גרויסער ער און דערנאָך צוויי העלפאַנטלעך און אַ זי, דערנאָך נאָך אַן ער. די כאַיעס האָבן לאַנג האַנאָעדיק געגעסן די יונגע צווייַגלעך, פאַררייַסנדיק הויך זייערע נעז, און זיי זענען נישט אָנגעטרעטן אויף אונדזערע פּאַסטקעס. אָבער ביסלעכווייַז זענען זיי געוואָרן דרייסטער און געלאָזט זיך פּאָרויס. מיר זענען געשטאַנען בייַ די ווייטערע עקן פון די שטריק, גרייט צו פאַרציִען ווען מען וועט דאַרפן די פעטליע. מיר זענען געשטאַנען אַזוי שטאַר, אַז מיר האָבן געהערט, ווי אין אונדזער ברוסט וואַרפט זיך דאָס האַרץ.

www.libtool.com.cn

מיט אַ מאָל האָט אַ ליאַרעמדיק טרובּען איבּערגעשניטן די שטילקייט. די סטאַדע איז פאַרגליווערט געוואָרן אַזוי ווי פון אַ דונער געטראָפן. די העלפאַנטן האָבּן גענומען זיך רוקן צוריק: מען האָט געהע־ט ווי זיי רײַבּן זיך איינער אָן דער פעל פון אַנדערן. איינער פון די העלפאַנטן איז אַרויס פאָרויס. אויף זײַן שטערן איז געווען אַ פלעק.

— דאָס איז קאַרי! — האָבּ איך אויסגערופן.

— שטילער! — האָט דער טאַטע אַ שעפּטשע געטון.

מיר זענען אַרויפגעקראָכן אויף בּיימער.

קאַרי האָט גיך אַװעקגעטריבּן די העלפאַנטן פון די פאַסטקעס. זיי האָבּן פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ נישט אין אָרדענונג. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איינער אַן אַלטער העלפאַנט האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן. ער האָט אויסגעשטרעקט די נאָז אַראָפּצורײַסן פון בּוים דעם שטריק און קאַרי האָט אין דעם מאָמענט אים אַ קלאַפּ געטון. דער אַלטער העלפאַנט האָט אָפּגעטרעטן מיט אַ רעווען און איז מיטן פוט אַרײַן אין דער פאַסטקע. די סטאַדע האָט זיך געלאָזט לויפן. אויפן אָרט איז געבּליבּן בּלויז דער הונדערטיעריקער העלפאַנט מיט ריזיקע ציינער און קאַרי. דער העלפאַנט האָט זיך געריסן, געטרובּעט, אָבּער איך האָבּ געקוקט נישט אויף אים, נאָר אויף קאַרין. מײַן אַלטער פרײַנד איז געגאַנגען לענגויס דעם שטריק און זיך אָפּגעשטעלט אונטער דעם בּוים, אונטער וועלכן מיר זענען געזעסן.

— קאַרי! — האָבּ איך שטיל אַ רוף געטון.

ער האָט אויסגעדרייט צו מיר דעם קאָפּ און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט מיך דערקענט. אַן אומבּאַקאַנטע קראַפט האָט מיך אַזש אונטערגעהויבּן: איך בּין אַראָפּגעשפרונגען פון צווײַג גלײַך צו אים אויפן האַלדז.

— קאַרי! מײַן בּרודער! קאַרי, איך האָבּ דיך געפונען, קאַרי! — האָבּ איך איבּערגעכאַזערט אויסער זיך פון גליק. קאַרי איז געשטאַנען ווי אַ צוגעשמידטער. אַ ציטער איז אַריבּער איבּער זײַן לײַבּ. דער אַלטער העלפאַנט האָט זיך געוואָרפן אין די שטריק און געטרובּעט.

www.libtool.com.cn

— דו האָסט מיך דערקענט, קאַרי! — האָב איך געשריגן און דערהערט דעם טאַטנס שטים:

— קריכט אַראָפּ פון די ביימער! מיר זענען אויסער יעדער געפאַר. מען דאַרף פעסטער פאַרבינדן דעם העלפאַנט; ער קען נאָך איבעררײַסן די רימענס.

די יעגערס זענען מיט אַ ליאַרעם אַראָפּגעשפרונגען אויף דער ערד, און קאַרי האָט זיי איבערגעשראָקן: ער האָט זיך געוואָרפן אָן אַ זײַט און פּײַל אויסן בויגן זיך אַוועקגעטראָגן איבערן וואַלד מיטטראָגנדיק מיך אויף זײַן רוקן. איין מינוט און שוין בין איך מיט אים פאַרשווּנדן אין טיפן וואַלד.

דרײַ טעג האָבן מיר געבראָדזשעט מיט אים אין די דזשונגלען.

יאָ, ער האָט מיך דערקענט! ער האָט זיך דערמאָנט אָן מײַנע באַפעלן! איך האָב געזאָגט „מאַלי" און ער איז געגאַנגען פאָרויס, כ'האָב געזאָגט „דכאַט" — און ער האָט זיך צוגעזעצט. אָבער אַראָפּגיין פון זײַן האַלדז האָב איך מיך נישט דערלויבט. ער איז מיר געווען צו טײַער, איך האָב מוירע געהאַט אים צו פאַרלירן נאָך אַ לענגערער צעשיידונג.

איך בין געווען זיכער, אַז ער איז אויך צופרידן. איך האָב די גאַנצע צײַט געשמועסט מיט אים און אים צוגעוווינט ווידער צום קלאַנג פון אַ רויִקן שמועס. וואָס האָב איך אים אַלץ נישט דערציילט אין יענע גליקלעכע טעג! איך האָב אים דערמאָנט זײַן קינדהייט, אונדזער שפּאַציר מיט קאָפּי, זײַנע שטיפערײַען. וועגן איין זאַך האָב איך נישט געוואָלט אים דערמאָנען — וועגן דער אַרבעט אויפן טאַרטאַק און דער אַכזאָריִעס פון די שיקערע מעכאַניקער.

איך מיטן טאַטן זענען שוין נישט איין וואַלדזשונגל דורכגעגאַנגען אָבער קיין מאָל האָב איך נישט געזען אַזעלכע געדיכטע ערטער, אין וועלכע קאַרי האָט איצט געפירט. איך האָב דערזען דאָס סאַמע האַרץ פון די דזשונגלען. די ביימער האָבן דאָ געוואַקסן אַזוי געדיכט, אַז אַפילו בײַ טאָג איז דאָ געווען טונקל. די לופט איז געווען אין גאַנצן רויִק: קיין ריר, קיין ווינטל. די

www.libtool.com.cn

גלײַכע שטאַמען זענען געשטאַנען אין רײַען, זיי זענען, דאַכט זיך, געשלאָפן מיט אַ טויזנטיאַריקן שלאָף. אַפילע דער טײַך, וואָס איז דאָ געפלאָסן, האָט זיך באַמיט צו לויפן אָן גערויש. יעדער פליעסק האָט אָפּגעקלונגען אין דער שטילקייט, דער עכאָ האָט זיך אָפּגעשלאָגן, איבערכאַזערנדיק אים אויף צענדליקער שטייגערס, און יעדער אָפּהילך איז געווען אַ שטילער שאָטן פון אַן קלאַנג.

די ערשטע נאַכט בין איך נישט געשלאָפן: כ'בין געזעס בײַם העלפאַנט אויפן רוקן און געקנאַקט ניס. די צווייטע נאַכט האָב איך אים געפרווט צו פאַרקערעווען צום לאַגער. ער איז צוגעגאַנגען אַזוי נאָענט, אַז איך האָב דערזען דעם שײַטער, דעם טאַטן און די שלאָפנדיקע יעגערס. דער אַלטער געפאַנגענער העלפאַנט האָט זיך צעטרובעט. קאַרי האָט אַ ציטער געטון און איז ווידער אַוועק אין די געדיכטע דזשונגלען.

דער דריטער טאָג איז אַריבער. אין אָוונט איז אַרויס אַ שלאַקסרעגן. ווען מיר זענען צוגעקומען צום לאַגער, האָט קאַרי שוין נישט געציטערט און נישט אַנטלאָפן מער.

— טאַטע, — האָב איך געזאָגט, — אָט זענען מיר דאָ.

דער טאַטע האָט נישט געענטפערט קיין וואָרט: ער האָט מוירע געהאַט איבערצושרעקן דעם העלפאַנט. ער איז שטיל אויפגעשטאַנען און מיר דערלאַנגט אַ פולע שיסל רײַז.

„עס, מײַן זון. איך האָב נישט געקלערט, אַז כ'וועל דיך נאָך זען אַ לעבעדיקן", האָב איך איבערגעלייענט אין זײַן מילדן בליק.

קאַרי האָט פאַרריסן די נאָז און זי אַוועקגעלייגט דעם טאַטן אויפן אַקסל. ער איז אויך געווען צופרידן פון צוריקקער.

SH PUBLIC LIBRARY
ONTREAL